„צומאָרגנס בין איך געוואָרן אין איינע פון די שפּיטאָל־אָפּטיילונגען, ווו מ'האָט געגעבן איינשפּריצונגען קעגן טיפוס, ווי אויך פענאַל פאַר די, וועלכע זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט דורכן אינטערנאַציאָנאַלן אונטערערדישן לאַגער קאָמיטעט. אין דער אָפּטיילונג איז אומגעקומען דער וואַרשעווער אַדוואָקאַט לעווי. ער איז געווען אויף אַרישע פּאַפּירן, אויפן נאָמען טשאַמאַראַ. פון פּאָוויאַק איז לעווי געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. קיין בוכענוואַלד איז ער געקומען מיטן זעלבן טראַנספּאָרט וואָס איך. אַדוואָקאַט לעווי האָט אין טראַנספּאָרט קיין בוכענוואַלד אָנגעטראָפן אויף עטלעכע פון זיינע חברים פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט. זיי האָבן אים אריינגענומען אין זייער ענדעקישן קרייז און ער האָט מיטגעאַרבעט מיט זיי. ווען אין בוכענוואַלד הויבט זיך אָן דאָס אַרויסשיקן אַקטיוויסטן פון די רעכטע גרופּן, ווערן זייערע אָנפירער מיט לעווי־טשאַמאַראַ, גערופן אין דער אויבנדערמאָנטער אָפּטיילונג און באַקומען אַן איינשפּריצונג פון פענאַל.".

עס נעמט אַרום אַ שוידער פון דעם בלויזן געדאַנק, אַז קאָמוניסטן, אליין קרבנות פון נאַציזם, פאַרשפּאַרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין בוכענוואַלד — האָבן זיך באַנוצט לגבי זייערע מיט־אַרעסטירטע מיט די זעלבע מיטלען, וואָס די נאַציס האָבן באַנוצט — פענאל — בלויז דערפאַר, וואָס יענע זענען געווען רעכטע...

אַז מען לייענט אַדורך די 120 זייטן פון באַשולדיקונגס־אַקט, קאָן מען לאַנג צו זיך נישט קומען פון דערשיטערונג, פון דער טיפער דעגענעראַציע וואָס די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט זינט לענינען — און נאָך מער טוט וויי — וואָס יאַבלאָנסקי ווייסט די אַלע איינצלהייטן — ווייסן עס דאָך אַנדערע אויך, און דאָך שטעקן זיי נאָך אַלץ אין דעם דאָזיקן זומפּ.

פאַרוואָס? לאָמיר אָננעמען, אַז עס זענען נאָך אַלץ דאָ ערלעכע, גוט־מיינענדיקע יידישע מענטשן — וואָס זוכן אַ באַפרידיקנדיקן מאָרגן, פאר דער מענטשהייט —

זענען זיי עס די מאָרגנדיקע קאַנדידאַטן פאַר דער פענאל־איינשפּריצונג?

★

עס איז אַ טראַגישער דאָקומענט וועגן דער ירידה פון אַ ליכטיקן מאָרגנשטערן וואָס איז פאַרגאַנגען אין אַ בלאָטיקן זומפּ.

---

המענטש איז נאָר די פֿאַרוואַנדלונג זיינער אין ליכטיקן חומר, ריכטיקער: ליכט. דער קינסטלערישער קלימאַט איז אין יעדער ליד־וואַריאַציע פֿאַר זיך, וואָס איז עלול זיך צו שטייגערן צו אַ באַזונדער פּאָעטישער דימענסיע — אַ מאָל אין אַ סטראָפֿע און אַ מאָל אין אַ גאַנץ ליד. מ׳קען באַשיימפּערלעך פֿילן דעם דיכטערס זוכעניש און לעכצעניש צו אַ מער ליכטיקער וועלט, אין וועלכער מ׳זאָל געפֿינען היילונג און רו. דאָס זוכן איז דער מאַגנעט צווישן די צוויי פּאָלוסן: גלויבן און ספֿקות.

דוד וואָלפֿע איז דער אינספּירירנדיקער זוכער און גייער, וואָס זיין קאָפּ שטעקט אין די וואָלקנס בעת זיינע פֿיס טאַפּן דעם וועג — אַ וועג צו אַ באַנייטער אמונה אין אַ צעליכטיקטע וועלט, וואָס דאַרף זיך אַנטפּלעקן ווי דער ווּנדער פֿון מענטשלעכן געניוס — דער וועג צו אַ ניי־אויסגעחלומטער וואָר.

---

## מ. אייזענבוד

# אַן אַנדער דימענסיע...

חורבן־ליטעראַטור באַשטייט פֿון זכרונות, גבית־עדות, כראָניקעס, יזכּור־ביכער. צווישן דעם אַלעם באַווייזט זיך אַמאָל אַ בוך באַהויכט מיט בעלעטריסטישן טוי — פֿון אונטער וועלכן עס שפּראָצט ארויס די אייגענע כראָניק; דער חורבן; דאָס אומקום פֿון דער עדה.

דאָס איז דער אייגעשטעלטער נוסח — און אַנדערש קאָן עס נישט זיין. עס איז דאָס וויטאָגלעכע געשריי פֿון געפּייניקטע יידן, וועלכע זענען על פּי נס געבליבן לעבן. כאָטש דאָס בוך פֿון וואַצלאַוו יאַבלאָנסקי, וועלכער האָט אין וואַרשע געהייסן: יאַנקל קאָרץ, און דער נאָמען יאַבלאָנסקי איז דער קריעה־צייכן פֿון חורבן — טראָגט דעם נאָמען: „יידישער ווידערשטאַנד אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן" — איז עס נישט קיין יזכּור־בוך, אָדער כראָניק פֿון אומקום, ווי מיר קאָנען עס. עס איז אפֿילו שווער אריינפּאַסן די אַרבעט אין אָנגענומענעם באַגריף: בוך. פֿאַקטיש איז עס אַ דאָקומענט, אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אַ באַוועגונג — מיט וועלכער קאָרץ־יאַבלאָנסקי איז געווען פֿאַרבונדן זיין גאַנץ באַוווּסטזיניק לעבן, ביז...

שווער אָנצווייזן אויפֿן טאָג, ווען יאַבלאָנסקי האָט איבערגעריסן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, ווייל זיין אַרבעט פֿאַרנעמט זיך נישט מיט טעאָרעטישע דיסקוסיע אין צווייפֿלען אין דער ריכטיקייט פֿון דער קאָמוניסטישער טעאָריע.

אַז מען וויל זיין ברוטאַל (ווי ברוטאַל עס זענען די הויפּט־פֿיגורן אין בוך) קען מען זאָגן, אַז ס׳איז אַ סטאַטיסטישע אַרבעט, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט ציילן די אָפּגעהאַקטע יידישע קעפּ — די קעפּ פֿון איבערגעגעבענע, פֿאַנאַטישע יידישע קאָמוניסטן פֿון פּוילן, וועלכע האָבן אין זייער איבערגעגעבנקייט צום סאָוויעטישן קאָמוניזם נישט געוווּסט פֿון קיין צווייפֿלען און פֿון קיין גרענעצן.

אין יענע באַרימטע און טרויעריקע (פֿאַר די קאָמוניסטן) דרייסיקער יאָרן, (1936) ווען סטאַלין, אָדער דער באָלשעוויזם — האָט פֿאַרלאַנגט די קעפּ פֿון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, לענינס חברים און מיטאַרבעטער. דאָס זענען געווען די קעפּ פֿון די, וועלכע האָבן דערפֿאָלגרייך דורכגעפֿירט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע; געזיגט אין בירגער־קריג און פֿאַרפֿעסטיקט דעם סאָוויעטישן רעזשים, און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי...

נישט נאָר די יידישע קאָמוניסטן פֿון פּוילן, נאָר אפֿילו וויטע מחותנים צום קאָמוניזם, ווי דער פֿירער פֿון השומר הצעיר אין ארץ ישראל — מאיר יערי האָט אין „על המשמר" (העברעישער זשורנאַל דערשינען אין פּוילן) געשריבן אַרטיקלען, וואָס האָבן באַרעכטיקט דער סאָוויעטישער גילאָטינע.

אָט אין יענעם יאָר טאַקע, פֿון 1936 — קומט קיין פּוילן, פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד (אומלעגאַל) אַ וויכטיקער טוער פֿון קאָמינטערן, וועלכן וואַרשעווער קאָמוניסטן האָבן גערופֿן „דער ווייסער אַבע" — אַבע קאַנטאָר.

פֿאַרוואָס דאַרף אַ וויכטיקער טוער פֿון קאָמינטערן אַרויסשמוגלען זיך פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד אויף אַ טשעכישן פּאַס? ווייל — דערקלערט אונדז יאַבלאָנסקי:

„עס איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ ליסטע, וועלכע די נ.ק.וו.ד. האָט צונויפֿגעשטעלט, כדי צו אַרעסטירן אויסלענדישע קאָמוניסטן, וואָס אַרבעטן אין קאָמינטערן".

די חברים אין וואַרשע אָרדנען איין פֿאַרן „ווייסן אַבע" אַ סילוועסטער פּאַרטיע, ווו זיי האָבן געהאָפֿט צו הערן די גוטע, ערלעכע גרוסן פֿון אַן אייגענעם, וואָס ער האָט צו איבערגעבן פֿון זייער מוסטער־לאַנד.

„צו זייער גרויסער אַנטוישונג האָט ער איבערגעגעבן פֿאַקטן פֿון אַרעסטן, מאָרדן, פּייניקונגען, פֿאַרשיקונגען. ער דערציילט וועגן הונגער און נויט צווישן דער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג. אַ גרויסן רושם האָט איבערגעלאָזט זיין דערציילן וועגן אַרעסטן און אומברענגען פֿון איבער 500 יידן און פּאָלאַקן, מיטגלידער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָוויעט־רוסלאַנד. דאָס זענען געווען אַלטע, אָנגעזעענע טוער פֿון דער ס.ד.ק.פּ.ל. און פֿון ר.ק.פּ.פּ. דער דאָזיקער מאַסן־אַרעסט איז פֿאָרגעקומען אין קיעוו, אין יאָר 1930, אין קלוב אויפֿן נאָמען פֿון „יוליאַן מאַרכלעווסקי".

לאָמיר דאָ קלאָר מאַכן: די יידישע קאָמוניסטן, לכל הפּחות די פֿירערשאַפֿט האָט אַלזאָ גענוי געוווּסט, וואָס ער קומט פֿאָר אין ראַטנפֿאַרבאַנד מיט זייערע חברים — און זיי האָבן פּחדנותדיק געשוויגן.

די ליקווידאַציע פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן — איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך — און יאַבלאָנסקי — איבערלעבנדיק אַליין די ליקווידאַציע, שילדערט פּרטימדיק די פֿאַקטן. קאָן אין אַזאַ פֿאַל — ווען די האַק הענגט איבערן קאָפּ — זיין אַ רייד וועגן טעאָריעס פֿון מאָרגן? און יאַבלאָנסקי קומט צום אויספֿיר — אַז סטאַלין האָט שוין מער נישט נויטיק געהאַט די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי — כדי צו באַהערשן פּוילן — די אַרבעט האָט פֿאַר אים היטלער דורכגעפֿירט בעסער און גרינטלעכער.

פאַרקאָמפּליצירט אין עמאָציאָנעלע און פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, אַז עס דאַרף נעמען מער ווי איין אָפּהאַנדלונג צו אַנאַליזירן זייערע הויפּט־עלעמענטן. על־כן וויל איך זיך אָפּשטעלן מער אויף דעם תוכן ווי אויף דעם תמציתדיקן תוך פון די לידער, הגם ס׳איז ניט מעגלעך אויסצומיידן קריטיק־הערות.

דאָס בוך איז גרויס איכותדיק און כמותדיק — און מער ווי 200 לידער איז אַ פאַרמעסט פון דיכטערישן כוח. איז קודם־כל בעט זיך צו פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז דאָס בוך איז אַ קאָמפּילאַציע פון 30 יאָר פּאָעטישע שאַפונגען — 1945 ־ 1975 — און אין דעם זינען איז עס אַ יובל־בוך. דערפאַר ווערן נאָך מער באַטייטיקער די צוויי סימבאָלן אין טיטל פון: וואָלקן און וועג. דער וואָלקן איז דער חלום וואָס הייבט אויף צו די הימלען, דער וועג — די קאָנקרעטע רעאַליטעט. דאָס איז אַ געפלעכט פון טרוים און וואָר, ווו עס פּולסירן פריידן און ווייען, האָפענונגען און אַנטוישונגען, אין אַלערליי אַנטפּלעקונגען און גילגולים. דיביידע עלעמענטן קומען צום אויסדרוק אין כמעט אַלע לידער, אָבער טיפער און שניידיקער זענען זיי בולט אין די לירישע לידער, וואָס אַ סך שורות שפּרינגען אַריין גראַציעס און לייכט אין געמיט פון לייענער. און דאָס מאָטאָליד, בראָש הספר, איז דער בעסטער וועגווייזער אויף צו אינטערפּרעטירן דאָס גאַנצע ווערק.

די ערשטע אָפּטיילונג הייסט: מיט גאָט און מיט מענטש. און דאָס קומט ווי אַ סימן, אַז אַ דיכטער קען זיך מתייחד זיין מיט זיין מוזע נאָר ווען זי פילט די געטלעכע סובסטאַנץ וואָס מאַכט פול דעם גאַנצן אוניווערס. ווייל „מיט גאָט און מיט מענטש" איז „ווי די זון מיט די שטערן" — עס איז דער „אחד און יחיד", וואָס „ווען ניט" זייער „זיך האַלטן צוזאַמען" — „וואָלט דער קאָסמאָס זיך לאַנג שוין צעשיט". און דאָס איז דער געטלעכער ליים, וואָס קלעפּט צוזאַמען דעם גאַנצן באַשאַף און גיט אַ קיום דעם מענטש און זיין שאַפעריש לעבן. פירט טאַקע וואָלפע לאַנגע דיאַלאָגן מיטן בורא־עולם, וועלכער איז איינגעפלאַנצט אין סאַמע האַרצן פון בחיר־היצורים. אין דער אויטאָ־ביאָגראַפישער פּאָעמע פון כמעט 800 שורות, „צו דעם גאָט — וואָס אין מיר," זוכט ער דעם געטלעכן מקור און תכלית הבריאה. די אינדיווידועלע פּלאָנטערנישן, זענען געגעבן אין צאַפּלדיקע בילדער און דורכגעפלאָכטן מיט סימבאָלישע טערמינען. אין קאַפּיטל וועגן יידישן אומקום, ווערט דער גורל פון דיכטער אויף אַ מיסטיש־פאַנטאַסטישן אופן פאַרקניפּט מיטן גורל פון זיין גאָט, ווי דער אומצערייסיקער ברית צווישן גאָט־קדוש און ייד־קדוש.

די ביי־אָפּטיילונג פון 6 סאָנעטן וועגן אַפריקער, איז בלויז אַ טייל פון אַנדערע לידער צום שוואַרצן אויף דעם קאָנטינענט, ווי די ביי־אָפּטיילונג שטאָט און גאָלד די לידער צו דער גרויסשטאָט פון גאָלד און צום פּרימיטיוון שוואַרצן, פאַרפּיקסירן דעם פּראָצעס פון ווערן צעמאָלן אין שטאָלענעם מאָגן פון פאַבריק־מאַשינעס און די אונטערערדישע שאַכטעס. אין זיי איז פאַראַן ניט נאָר אַ פונק פון וויזיע און דאָס געשריי פון סאָציאַלן יושר, נייערט אויך די שרעק פאַר דער סכנה פון ריזיקן כוח פון שוואַרצן. ער זעט אים ווי דעם כאַאָטישן שטורעם, וואָס טראָגט זיך צו זיין זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט.

## ב

דאָס בוך האָט אויך אַן אַנדער דימענסיע: די נשמהדיקע איך — וועלט פון דיכטער. אַזאַ אינזיך־דורכגעלעבט געזאַנג איז מיט זיך און מיט יידיש. דאָס איז דער ניגון פון היים און וויג, וואָס איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט זיין גראַס, „ווי בוים מיט זיין שטאַם". זיין יידיש־וועלט און דור פון יידיש לשון איז דער אינהאַלט פון דער אָפּטיילונג, ווו עס זענען פאַראַן לידער צו יהודה הלוי, ביאַליקן, אונדזערע דריי קלאַסיקער און היינצייטיקע דיכטער.

די אָפּטיילונג דורות אייגענע איז בעיקר אויטאָ־ביאָגראַפיש, אויף משפּחהדיקן יסוד און צוזאַמענגעפלאָכטן מיטן אומקום פון היים און נאָענטע. איז עס נאַטירלעך, אַז גלייך נאָך דעם קומען די חורבן־מאָטיוון: יענע וועלט, און זייער דיסאָנאַנס — שאָטן־נאָכציטערס. אָבער דער ציטער און נאָכציטער פון חורבן־היים פילט זיך ווי אַ באַגלייט־אַקאָרד פון דאָס רוב לידער אין בוך.

וויל מען אָבער טיפער אַריינבליקן אין האַרץ־און־מוח פון דיכטער, מוז מען זיך מער פאַרטראַכטן אויף די לידער וואָס טראָגן אַ בולטן אויטאָ־ביאָגראַפישן כאַראַקטער. ס׳איז נישט בלויז דער לירישער געוועב, נאָר די גייסטיקע אַטמאָספער און פּסיכישער קלימאַט, ווו מ׳קען זיך ניט באַהאַלטן הינטער סתם ווערטער. און הגם ער מיידט אויס קאָנקרעט־פאַקטישן מאַטעריאַל און עפּיזאָדן, איז דער נגלה מער אָפן ווי דער ניסתר. דאָ טוט זיין גאַנצער וועזן וויברירן אין שיין פון שטימונגען און פילונגען, וועלכע ער שעפּט פון אייגענעם קוואַל. און ער טוט זיך דערביי אָן אַ כוח, אויסצוקלאָרן די פאַרנעפּלטקייט פון געדאַנק און געמיט. צום שטאַרקסטן קומט עס צום אויסדרוק אין דער גרעסטער פּאָעמע אין בוך — אַ וואָלקן אין שפּיגל. דאָ גייט ער אין פּוסטריט מיט זיך אַליין און שמועסט זיך דורך מיט זיין נעכטן, דער נעכטן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון זיין אינדיווידועל ממשותדיקן קיום און געוואָרן אַן אַמאָליקער דו — אַ דו פאַר זיך, מיטן אויפּציטער פון בענקשאַפט און יונגשאַפט פון נעכטן. אין דעם דו פון נעכטן ווערט דער היינט דער סאַמע שפּירעוודיקער איך — און ער איז עס אַזוי לאַנג ביז דער וואָלקן פאַרציט דעם גאַנצן שפּיגל מיט שאָטנס און מעקט אָפּ אַלע בילדער, אַלע איכן און דוען, אַלע נעכטנס און אויך דעם היינט.

זייער אַ סך לידער באַהאַנדלען די טעמע פון מענטשלעכן פאַרגיי. ס׳איז ניט דער טויט, אין ביאָלאָגישן באַנעם, און ניט די מורא־פּאַניק, נאָר מער די פילאָסאָפיע פון טרויער און די שטימונג פון רו. ס׳איז אַ מין שטיל געזאַנג צו אַן אומבאַגרייפבאַרער פאַרוואַנדלונג פון דער נאַטור — נאַטור וואָס איז אויך מענטש. און דער דיכטער זעט און פילט און וויל זיך אַריינלעבן אין דער אידעע, אַז גילגול־

— אַלץ איז זיין! דאָס בילד איז פאַרענדיקט מיט מאָלערישקייט און פּסיכאָלאָגישן רעטוש. גאָלדהאַר טוט אַ קער איבער דעם פיזישן און באַוועגלעכן יש אין אַ סטאַטישן אַבסטראַקט — אין אַ געפיל פון זיכערקייט, וואָס איז אַ גייסטיקער מעמד.

מיר האָבן געכאַפּט א בליק אין שאַפונגס־פּראָצעס פון גאָלדהאַרן דעם טרוימער־רעאַליסט. ער פורעמט איבער אַ סובסטעל ליטעראַריש געמעל אין דער האַרטער ראַם פון אַן אומבויגעוודיקן פּרינציפּ. ער שמידט איבער אַ געפיל פון בענקשאַפט אין אַן אימפּעראַטיוו, אַז נאָכן טויט א.א.וו. און די גרויסע און הילפלאָזע בענקשאַפט פון מלך'ן נאָך דער איבערגעלאָזענער פרוי אין אַן אילוזיע: אַז ווען זי וועט קומען, איז פאַר איר אַלץ צוגעגרייט פון אים, פון מלך'ן...

די זשאַרנאָווער „לאַנדסלייט" גרייטן אַ חתונה צווישן אַן אַלטן עמיגראַנט און אַ ניי־געקומענער אויפן אַמאָליקן זשאַרנאָווער שטייגער,, ד. ה. מיטן גאַנצן קנאַק. וואָס ווילן זיי די זשאַרנאָווער? זיי ווילן פאַרווישן די קעגנוואַרט און אומקערן זיך כאָטש איינמאָל צו נעפּלדיקן, אומגעבראַכטן נעכטן! עס וועט זיי אויף אַ ווײַלע איינהילן אין אַ נישט רעאַלער רעאַליטעט. גאָלדהאַר האָט אויסגעמאָלט דאָס רעאַלע, אויך דאָס וואָס געפינט זיך הינטער די פאַנטאַזיעס מיט שטילע, אינטימע טענער פאַרדעקטע אונטערן געפילדער פון הויכע גערעדערייען,

מיר וועלן נאָך טאָן אַ מיש אין „אויף אַ פאַרם". בײַ סעמען בלוטיקט זיך אויס דער געראַנגל צווישן אַ ווילן, אַ פאַרוואַנדלטן אין אַ לעבנס־ציל, און דעם דראַנג נאָך פּערזענלעך גליק. סעם איז נישט קיין צעשפּאָלטענע נשמה. אין הסכם מיט זיינע נאַציאָנאַלע איינשטעלונגען, וואָלט ער געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ ראָזאַן, אַ ייִדיש מיידל, כאָטש ער פילט, אַז דזשין, דאָס איירישע מיידל האָט אים ליב. ער טראָגט זיך ארום מיט אַ טרוים אויפצושטעלן אַ פאַרם פאַר ייִדן־עמיגראַנטן און אויפשטעלן אַ ייִדישע משפּחה. און ווייל ער איז אַ גייסטיקער מאָנאָליט איז דער נשמה־געראַנגל אַזאַ שווערער.

אין „אויף אַ פאַרם" אַזוי אויך אין „אין אַ שטילער גאַס" איז גאָלדהאַר בשלימותדיק געשטיגן צו העכערע הייכן אין זיין שעפערישקייט, צו אַ באַרגשפּיץ אויף וועלכן עס רוט אין אַ שבתדיק קלייד די מלכה פון דיכטונג. „די שטילע גאַס" און „אויף אַ פאַרם" רעדן געדעמפטע, שטילע רייד, מיט אַ קול דממה דקה מיט וועלכע אמתע ליבע רעדט.

מיר קומען איצט צום לעצטן נשמה־געראַנגל מיט וועלכן יעדע דערציילונג איז רייך סיי אין פאַרב פון שילדערונג, סיי אין תוכיקייט.

אין דער דערציילונג „אַלטע פריינד" געפינט זיך דער ויתרוצו אין אַ לבוש פון פּראָסטאַצקן עגאָאיזם בײַ אַ ייִד אַ רייכן און אַ קמצן. דער איינציקער צייט־פאַרטרייב פון דעם פּראָסטאַצקן לאָמבאַרד־אייגנטימער איז ציילן בײַ פאַרמאַכטע טירן דאָס אָנגעוואָרבענע פאַרמעגן... און קאָרטן־שפּיל מיט אַן אַלטן פריינד. ער איז דערפאָלגרייך אין מאַכן געלט, אָבער ער פאַרשפּילט זייער אַ סך צו זיין מיטשפּילער. דאָס געלט ווערט נישט אויסגעצאָלט, נאָר פאַרשריבן. זיין חוב דערגייט אין די טויזנטער, אָבער אַ פּראָסטאַק און אַ קמצן קען אויך טרוימען. האָפט ער, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט ער דאָס פאַרשפּילטע געלט אָפּגעווינען... זיין פריינד שטאַרבט און ער, דער גייציקער מאַן, ווערט געוואָר וועגן דעם ווען ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען. אין ערשטן מאָמענט טוט אים אַ צופּ ביים האַרץ, אָבער גלייך נעמט אין אים אַרויסשפּרינגען דער יצר־הרע — ער איז פּטור געוואָרן פון א חוב. אמת, ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן באַצאָלן, ווייל ווער ווייסט, צי יענער האָט נישט געשפּילט מיט פאַלשע קאָרטן?...

וואַרפט זיך די־אָ צעקאַלעטשעטע נשמה פון אַ מענטש אַ פּראָסטאַק צווישן עגאָאיסטישן „גוט אַז ר'איז געשטאָרבן, דער שטינקער" — און דעם פּלוצלינגדיקן געפיל פון פאַרלוירנקייט צוליבן בלייבן איינזאַם. גאָלדהאַר בינדט אויף דעם פּסיכאָלאָגישן קנופּ און טיילט אויס דעם פאַרדאָרבענעם פּראָסטאַק וואָס עס קומט אים אפילו ווען ער איז וואָס ער איז, פאַר די ליידן צוליב נישט קענען געפינען קיין אינערלעכע רו. גאָלדהאַר האָט דערפירט דעם געראַנגל צווישן ליכט און שאָטן, צווישן דעם ביסל גוטס און דעם ים פון שלעכטס צו אַן אומדערוואַרטן קולמינאַציע־פּונקט. דער לאָמבאַרד־אייגנטימער שטאַרבט.

ווי עס איז געווען גאָלדהאַרס שטייגער האָט ער, ווי דרך אגב, אָנגעוויזן אויף דעם דירעקטן גורם פון טויט, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי שטראָמען — פון דער פאַרלוירנקייט און מורא פאַרן בלייבן איינזאַם, און דעם אָנפאַל פון אַ באַדערפעניש פון סעקס, אגב א פּועל־יוצא פון דער איינזאַמקייט.

דער נישטיקער פּרט פון סעקס, אין אַנדערע אומשטענדן קליין אין באַדייט, באַלייכט די טונקעלערע זייט פון דעם לאָמבאַרדס־אייגנטימערס נשמה. די באַלייכטונג מאַכט נישט העלער איר טונקלקייט, אין דעם ליכט דערזעט מען בולטער דעם תהום אין וועלכער זי איז געווען פאַרזונקען.

---

ר. בערלינער

# צוויי סימבאָלן — פון חלום און רעאַליטעט

### א

ס'איז ניט די כוונה פון דעם מאמר צו געבן אַ ברייטערן אָפּשאַץ פון ניט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבענעם בוך פון דוד וואָלפע.*)

דאָס רוב לידער זענען צו פיל פאַרטיפט און

*) דוד א. וואָלפע — אַ וואָלקן און אַ וועג: לידער און פּאָעמעס — אויפקלייב. פאַרלאַג קאַיאַר, יאָהאַנעסבורג, דרום־אפריקע, תשל"ח 1978.

לאַמיר איצט אַדורכבלעטערן מיט קפיצת הדרך עטלעכע דערציילונגען פון וועלכע עס טיילן זיך אויס טיפּן און סצענעס פאַרבונדענע מיט אַן ענלעכן פּאַרקנוּפּ. דער קענצייכן פון דער ענלעכקייט איז אַ ווייטיקלעך קורצער: בענקשאַפט. נאָסטאַלגיע נורטעוועט ווי אַ מעכ־טיקער אונטער־שטראָם אין „די לאַנדסלייט", אין דער „שטילער גאַס", אין דער „לוויה" און אויך אין „לעצטן מנין".

די קאַנווע אויף וועלכער דער „לעצטער מנין" איז אויסגעהאַפטן איז פונעם פּעריאָד נאָכן גאָלד־פיבער. דאָס פריער ברויזנדיקע שטעטל איז אַראָפּ פון דער מדרגה. אַ טייל פריער גוט איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטים זענען זיך צעלאָפן זוכן גליקן אין אַנדערער ערטער און פון די בעסערע צייטן איז געבליבן אַ פאַראָרעמטע, פאַרלאָזענע שול, אָן מתפללים. פון די צען טיפּן פון וועלכע דער מנין איז צונויפגעשטעלט, וואָלט גאָלדהאַר געקענט שאַפן צען צענטראַלע פיגורן, ווייל יעדער איז אַ וועלט פאַר זיך און פאַרדינט אַ באַזונדערן שטודיום.

מיט רעאַליסטישער שאַרפקייט צייכנט גאָלדהאַר די אַטמאָספער, די געמיטער און איינשטעלונגען פון דעם הייפעלע צונויפגעשלעפּטע מענטשן און אויף דעם הינ־טערגרונט פון מטושט' טונקעלע טענער וואַקסט אויס דער ראַביי צו העכערע דימענסיעס. ער איז ווי אויסגע־שניטן פון אַ מאָנאָליטישן גראַניט. זיין אמונה און זיינע פּרינציפּן זענען אומבויגזאַם ווי פאַרהאַרטעוועטער שטאָל. אַרום אים דרייען זיך, ווי סאַטעליטן, ניין ייִדן מיטן רעווע־רענד פעלדמאַן בראש. פעלדמאַנס ראָלע איז צו זיין דער פאַרבינדונגס־רינג צווישן צוויי אַנטאַגאָניזמען: צווישן דעם ראַביס פּרינציפּן און דאָס פעלן פון אַ מאָראַלישן רוקנ־ביין ביים געדונגענעם מנין.

דאַווענען, טראַכט דער ראַביי, דאַרף מען אָן שכירות, און אַז מען מוז שוין צאָלן — איז פאַרפאַלן! ער וועט זיין באַשיידענעם בודזשעט נאָך מער פאַרקלענערן. אָבער, אַז ייִדן זאָלן פאַרסטרייקן צוליב אַ העכערונג אין שכירות — און נישט וועלן דאַווענען, איז איבער זיינע כוחות צו פאַרשטיין!

גאָלדהאַר האָט אין דער דערציילונג טראַנספאָרמירט פּלאַסטישע רעאַליטעט אין אַן אַבסטראַקטער קאָנצעפּציע, אין אַ יסורימדיקן פּרינציפּ. דער ראַביי קען נישט הע־כערן די שכירות, און וויל אויך נישט פאַרשעמען די שול. שטעלט ער זיך דאַווענען אָן דעם מנין, איינער אַליין אין אַ פוסטער שול.

אין „לעצטן מנין" גיט גאָלדהאַר אַ פלעכט אריין די שוין דערמאָנטע נאָסטאַלגיע אַזוי ווי אדורכגייענדיק. אַזוי האָט ער אויך געטאָן אין דער דערציילונג „די לוויה"; איינער פון די מלווים טוט אַ זאָג: — „עפּעס אַ מאָדנע ערד דאָ... גאָר אַן אַנדערע ווי אינדערהיים"... דער „עפּעס גאָר אַנדערש ווי אינדערהיים" שפּיזט דאָס גריזשנדיקע ווערעמל, וואָס זיצט אין האַרץ פון יעדן עמיגראַנט, און כאָטש מען לייגט עס נישט אריין אין רייזע־טאַש, ברענגט מען עס מיט צוזאַמען מיטן דלות. אין „לעצטן מנין" טוט אַ פרעג דער רעווערענד פעלדמאַן איינעם פון די סטריי־קערס: — ס'טייטש, ווילסט נישט דאַווענען, מיט וואָס וועסטו קומען אויף יענער וועלט?... לאַכט דער געפרעגטער — נאָך הונדערט און צוואַנציק וועל איך דאַווענען אָן געלט, ביי־נאַכט, צוזאַמען מיט די מתים!

רופט זיך אָפּ אַן אַנדערער סטרייקער: — עס פאַלט מיר גאָרנישט איין! אַז איך וועל האַלטן ביי דאַווענען נאָכן טויט, האָב איך מיר אַ שול אינדערהיים, אין סטאַשעוו. אָט מיט אַזאַ צימצום האָט גאָלדהאַר סיי מסביר געווען אַ געדאַנק, און אויך איבערגעשמאָלצן דאָס געפיל פון בענקשאַפט אין אַן אימפּעראַטיוו:

„נאָכן טויט וועל איך דאַווענען אין סטאַשעוו!"

גאָלדהאַר, דער גוטער שילדערער, נוצט אויס די שאַרפקייט פון קאָנטראַסטן כדי צו מאַכן בולטער דאָס געמעל. „אַ שטילע גאַס" איז געבויט אויף דעם קאָנטראַסט־פּרינציפּ. די שטילקייט, וואָס הערשט אין איר איז ממש אָנצוטאַפּן מיט די הענט, אָבער דער שטילקייט איז אַקעגנ־געשטעלט דער גערויש אין מר. ליוויס זאָקנפאַבריק. אַן אַנדערער קאָנטראַסט איז נישט פון אַ פיזישן כאַראַקטער, נאָר מיט אַ סאָציאַלן אונטערגרונט. מר. ליוויי, דער פאַב־ריקאַנט און מלך'ן, דעם ניי־געקומענעם וואָס שפּייט אויס די נשמה זוכנדיק אַרבעט. דער דריטער, ווייניק בולטער קאָנ־טראַסט געפינט זיך צווישן דעם געפיל פון זיכערקייט ביי אַן ארויפגעקומענעם גביר, און מלך'ס צעבראָכן לעבן אַדורכגעוויקט מיט בריאיקע טרערן פון בענקשאַפט נאָך זיין פרוי, וואָס איז פאַרבליבן ביי די דייטשן. אין דער דערציילונג שנירלען זיך צוזאַמען פּסיכאָלאָגישער אריינ־דרינג און פיין געפורעמטע דיכטערישע שורות. איך וועל זיך דערלויבן ציטירן בלויז עטלעכע פון זיי.

„אליין איז מר. ליוויי אַ קליינער, אַן איינגעשרומפּענער, הויט און ביין, מיט אַ גערונצלט פּליכל צווישן די שמאָל פאַרשפּיצטע קינדערשע אַקסלען. דערפאַר אָבער זענען אַלע ביי אים אין דער פאַבריק שלאַנק און הויך גע־וואַקסן. ער פילט זיך קוקנדיק אויף זיינע מענטשן, עפּעס אַנזעעוודיקער און חשובער ביי זיך אליין".

ווי קומט, אַז פון אַ פיגוראַטיוון קאָנטראַסט צווישן גרויס און קליין זאָל ארויסשפּרינגען אַ פּסיכאָלאָגישע קאָנטראָווערסיע? ווי קען איינער וואָס איז קליין און נישט אָנזעעוודיק פילן זיך חשוב צווישן הויך געוואַקסענע מענטשן? גאָלדהאַר פאַרענטפערט די כלומרשטע קאָנטראָ־ווערסיע מיט צוויי זאַצן, אגב זענען זיי באַצירט מיט דיכטערישע מעטאַפאָרן. איך ציטיר:

„ער, מר. ליוויי האָט ליב צו זען דורכן אַפּיס־פענצ־טערל די הויכע געשיקטע מיידלעך, ווי זייערע ווייסע מיידלשע הענט פלאַטערן ווי געפאַנגענע פייגעלעך אין דעם געפלאָנטער פון פעדעם. די גאַנצע פאַבריק הודזשעט און יאָגט, די טראַנסמיסיעס־פּאַסן דרייען זיך מיט אַ היל־כיק געפּאַטשעריי, די מאַשינען זשומען און עס טרייסלען זיך אין זיי די שטאָלענע געדערעם אין גרויסן געאייל. און דאָס אַלץ איז זיין. יאָגט פאַר זיינעטוועגן... ליוויס „האזשערי מילס!"

מיט עטלעכע שטריכן דעקט דער שרייבער דעם דעפּי־ציט פון מר. ליוויס נישט פאַרדינטן שטאָלץ און גדלות:

„סאָציאַלע שרייבערס״, וועלכע ברענגען אַרויס אויף דער אויבערפלאַך די באַהאַלטענע שאָטנס פון סאָציאַלן אומיושר, אָדער האָט ער געהערט צו דער קאַטעגאָריע שרייבערס־כראָניקערס וועלכע כאַפּן אויף דאָס געוויינטלעכע און דאָס אומגעוויינטלעכע, די אַטמאָספער, דעם שטייגער און די זיטן, כדי איבערצולאָזן אַ דאָקומענט פון דער צייט אין אַ ליטעראַרישער פאָרם?

גאָלדהאַרס דיכטערישע וויזיעס האָבן אָנגעהויבן צו פאָרמירן זיך ווען ער איז געזעסן אויף דער שול־באַנק אין דער שטאָט פון זיין געבוירן, אין לאָדזש.

שוין דעמאָלט, נאָך אין יונגן עלטער, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן לידער און פּאָעמעס אין ליטעראַרישע זשורנאַלן צוזאַמען מיט זיינע בני־עיר י. ראַבאָן, חיים לייב פוקס און א. אַלפּערין, ביים היינטיקן טאָג איינגעזעסענע באַלעבאַטים אין דער ידישער ליטעראַטור.

אויפן היגן באָדן האָט גאָלדהאַר געהערט צו די פּיאָנערן פון ידישן קינסטלערישן וואָרט, צו די געציילטע, וועלכע האָבן אַוועקגעשטעלט אויסטראַליע אויף דער וועלט־מאַפּע פון דער ידישער בעלעטריסטיק און זשורנאַליסטיק.

גאָלדהאַר איז אין זיין אינערלעכער וועלט געווען אַ טרוימער, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געקוקט אויף דער דרויסנדיקער וועלט מיט אַ רעאַליסטישן בליק. אין דער צייט ווען ער האָט געשריבן לידער, האָט ער אויך שטודירט זשורנאַליסטיק. אַז זשורנאַליסטיק איז ווייט פון דיכטונג ווי דער דרום־פּאָל פון צפון־פּאָל איז נישט נייטיק אויפצוקלערן, אָבער ביי אים האָבן בידע ליטעראַרישע זשאַנערן געהויזט געמיטלעך צוזאַמען, ווייל גאָלדהאַרס פעדער האָט פאַרמאָגט אַ טשיקאַווע אייגנשאַפט: אין דער פּובליציסטיק איז זי געווען שאַרף און ער האָט געקענט מיט איר אַ שניט טאָן ווי מיט אַ כירורגישן סקאַפּל. אָבער אין די דערציילונגען האָט געטריפט פון איר אַ זאַפטיקע קאָלירפולקייט, און ער האָט מיט איר מצליח געווען אויסצומאָלן פאַרביקע און פולבלוטיקע טיפּן און געשעענישן, וואָס האָבן געאָטעמט מיט ממשותדיקן רעאַליזם.

ווען עס איז נייטיק געווען, האָט גאָלדהאַר — דער טרוימער און רעאַליסט אָפּגעטיילט איין זשאַנער פון אַנדערן. אין דער פּובליציסטיק האָט ער מיט לאָגישע אַרגומענטן איבערצייגט דעם לייענער נישט איבערלאָזנדיק קיין ספקות. אין דער בעלעטריסטיק האָט זיך נישט געפונען קיין שמץ פון דער „טרוקענער״ זשורנאַליסטיק. ער איז אַלעמאָל געשטאַנען אויף דער וואַך נישט אויסצומישן די צוויי זשאַנערן אין איין שטראָם, וואָס וואָלט נישט געווען לטובה, נאָר לרעה פאַר בידע. גאָלדהאַרס וויזועלע געמעלן זענען שאַרף און בולט ווי מען וואָלט זיי געזען דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז, נישט צעשטערנדיק דערמיט די ריכטיקייט פון אויסמעסט.

שאַרפער און טיפער איז געווען זיין אריינדרינג אין די אינטימע, באַהאַלטענע זיג־זאַגישע געדאַנקען־וועגן פון טיף. עס זענען פאַר אים נישט געווען פאַרהוילן די ויתרוצצות, דער אינערלעכער געראַנגל מיט זיך אַליין, די וואַקלענישן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן פליכטן און באַגערן פון וועלכע קיין ילוד־אישה איז נישט פריי. אין דער זעלבער צייט האָט ער געהאַלטן די אויגן אָפן פאַר דער פולקייט און האַרמאָניע פון בילד, און ער האָט געצייכנט די אויסערלעכקייט צוגלייך מיט דער אינערלעכקייט וועלכע מען זעט נישט מיטן פיזישן אויג, ביזן לעצטן פּרט. אין די פּרטימדיקע און ברייטע שילדערונגען געפינען זיך א סך שטעלן פון צימצומדיקער געפּרעסטקייט, וואָס קלינגען צומאָל אַזוי קורץ ווי אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע, און דאָס איז גאָרנישט אַזאַ לייכטע עובדה. די ענגלענדער האָבן אַ זאָג, וואָס אילוסטרירט אַזאַ אַרט שרייבן און רעדן: „איך האָב געהאַט ווייניק צייט כדי צו זיין קורץ״.

צימצום און געפּרעסטקייט פון וואָרט ווערט ביי אים באַנוצט נאָר ביים פאָרמולירן אַ געדאַנק, ווו איבערגעלאָדנקייט וואָלט געווען אַ שטערונג. דאַקעגן דאָס דערציילערישע פליסט ביי אים פריי און שפעדיק, מיט אַ נישט אונטערגעבראָכענעם ריטעם, כוואַליענדיק און זיכער, טיילמאָל מיט אַ גערויש פון אַ געוויטער, טיילמאָל מיט אַ שטילן געפּליסטער. דער ריטעם און פאַרביקייט פון די אימאַזשן פירן אַריין דעם לייענער אין אַ שטימונגס־פולער אַוראַ און גיבן אים פולקייט און זאַטקייט. ערשט נאָכן לייענען קומט צוריק דער הונגער ווידעראַמאָל צו געבן אַ קוק אויף צוריק, נאָכאַמאָל אויפכאַפּן די באַזונדערע פונקען, וואָס פינקלען אַרויס פונעם טעקסט, נאָכאַמאָל ווערן אויפגערודערט אין געמיט און אין דער מחשבה.

גאָלדהאַר, דער גוטער באָאָבאַכטער, דער קענער פון לעבן און פון מענטשלעכע שוואַכקייטן, האָט אין זיינע ווערק אַריינגענומען אַ טעמע וועלכע איז געווען נאָענט צו זיין געמיט, און ער האָט ארויסגעבראַכט אַלע אירע יסודותדיקע אַספּעקטן און ניואַנסן — דאָס ערנסטע, דאָס דראַמאַטישע, אַמאָל אויך דאָס סאַטירישע, אָבער אַלעמאָל באַגלייט מיט אַ פאַרגעבלעכן שמייכל פון אַ מענטש אַ בר־דעת, וואָס גיט זיין פאַרגעב ווייל ער פאַרשטייט די סיבות.

איז דאָך גאָלדהאַר אליין געווען אַן עמיגראַנט און געהאַט אדורכגעגאַנגען אין דעם נייעם לאַנד אַלע שבעה מדורי גיהנום.

איך וויל נאָר ארויסברענגען די ציטערדיקע פילבאַרקייט מיט וועלכער גאָלדהאַר, דער טרוימער־דיכטער, האָט אין זיינע פּראָזע־ווערק אויסגעשליפן די ענגשאַפט אין די נשמות פון די, וואָס האָבן אין אָנהויב נישט געפונען קיין וואַרעם ווינקעלע ווו אַוועקצולייגן דעם מידן קאָפּ. אין דעם נייעם לאַנד איז אַלץ געווען אויסטערליש און פרעמד, און עס האָט אָנגעיוערט דאָס געפיל פון איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט צוזאַמען מיט דער גרויסער בענקשאַפט, וואָס ווינט ארויס פון די שורות מיטן שלוכץ פון אַ פאַרלאָזן קינד. אָבער פון די זעלבע „פּראָזע״־שורות ווייעט אויך ארויס דער אידעלער אַראָמאַט פון לויטערער דיכטונג. די עמאָציאָנעלע שטימונגען און געדאַנקלעכע עקוויוואַלענטן האָבן געדייעט אין דער נשמה פון דעם שרייבער־עמיגראַנט אַזוי לאַנג, ביז עס איז אים „באַפאַלן״ די רגע פון שאַפן.

אויפפירונג געשילדערט מיט שאַרפע ווערטער, מיט באַצייכענונגען וועלכע מ׳קאָן ניט געפינען אין די יורידישע טעקסט־ביכער. די שפּראַך פון גאָס האָט ניט נאָר אויסגעדריקט זיינע געפילן אין אומצווייפלהאַפטע טערמינען — נאָר אויך האָט עס אים געהאָלפן אונטערשטרייכן איר ראָל ווי אַ פרוי, אַ מאַמע, אַ געליבטע...

עס איז אים באַפאַלן אַ בענקשאַפט נאָך פרייהייט. די פיר שטעקנס פון דער חופה, אונטער וועלכער ער איז געשטאַנען מיט מערין — אין שוואַרצן קאַפּעלוש און די ווייסע הענטשקעס (אָ — מער האָט ער זיי שוין ניט באַנוצט...) ווערליק עס פירט זיך ביי לייטן — האָבן אים, אין סידנעיער האָטעל־באַר, ווו ער האָט זיך פאַרקליבן, כדי צו באַטראַכטן, ווו ער האַלט אין דער וועלט — ווייל נאָכאַלעמען — וואָס עס זאָל ניט געשען — און דאָס לעבן גייט ווייטער... און ער קאָן אויסגבלייבן — דער צוג פון לעבן וועט אַוועק, און ער וועט בלייבן שטיין אויפן פּעראָן, אַן איבעריקער, אַ פאַרגעסענער — איבערגעלאָזן צו זיין אייגענעם גורל.

די פיר שטעקנס זענען פאַר אים געווען די אומזעבאַרע קראַטן, וועלכע פאַרצוימען אים דעם וועג צו דער פרייהייט.

אין איין רגע קומט אים אַלץ צוריק:

דער ערשטער וואַרעמער, סודותדיקער ציטער פון זיין נאָענט מיט אַ מיידל; די אַנטפּלעקונג פון נייע וועלטן, וואָס זענען געווען פאַרבאָרגן פאַר אים. זיי האָבן זיך פאַר אים צעעפנט, און ער האָט געוואָלט זיי אריינגנעמען אין זיך; זיך פאַרזיכערן געזעצלעך — אַז דאָס איז זיינס, און קיינער קען עס אים ניט אָפּרעגן, צונעמען. דאָס איז דער אור־קוואַל; דער ענד־ציל; דער עלעקסיר פון יוגנט און לעבן.

נאַכער איז געקומען די אַנטוישונג, ווי עס קומט די אויסניכטערונג נאָך אַ נאַכטיקער הולאַנקע. די אויסניכטערונג ברענגט מיט זיך אַ ביטערן נאָך טעם, און דעם צוזאָג — מער עס ניט איבערצוחזרן...

ער האָט געוואָלט אָניאָגן זיין יוגנט, וועלכער ער האָט צוגעשמידט צום שול־באַנק, אוניווערסיטעט; קאָמפּליצירטע געזעץ־ביכער.

✶

נאָך די אַלע ווייגען, און וויסקיס וואָס לאָצי האָט יענעם אָוונט געטרונקעןביים יום־טובדיקן טיש, האָט ער דאָך געזען אירע טיפע, ברוינע אויגן, וואָס האָבן אויף אים געקוקט מיט אומעט, מיט געבעט. אין איר בליק איז געווען ווייכע, הכנעהדיקע וואַרעמקייט. זי האָט געזען בלויז אים. אַ נעפלדיקע פייכטקייט האָט פאַרצויגן אירע אויגן, און אין וועלכע עס האָבן זיך געפלעמלט דער אָפּשיין פון די צאַנקענדע ליכט.

איז עס דער זעלבער בחור פון אָנהויב? דער בחור פון סוף?

אַצינד טוט זי אַלץ אים צוריקברענגען...

# שרייבּער און בּיכער

י. מ. לעווין

## פּנחס גאָלדהאַר — דער טרוימער־רעאַליסט

ס׳איז אַ באַוווּסטער כלל, אַז אין יעדן קינסטלערישן ווערק געפינט זיך דער חותם פון דעם שאַפערס גייסטיקער אינדיווידואַליטעט. עס איז לייכט אונטערצושיידן די דינאַמישע אָנלאָדונג פון אַ בעטהאָווען, צי פון אַן אַנדערן גרויסן מייסטער, פון דער לייכטער, זאָרגלאָזער שפּילעוודיקייט פון יאָהאַן שטראוס וואַלצן.

אַזעלכע אַנאַלאָגיעס זענען פאַראַנען אין אַלע פאָרמען פון קונסט, במילא אויך אין דער ליטעראַטור. פון שלום עליכמס געלעכטער דורך טרערן און מאַרק טוועינס געזונטן הומאָר, פריי פון יידישן קרעכץ. צווישן חיים גראַדעס דיכטערישע רעמינעסצענטן פון פאַרשניטענעם ווילנער שטייגער־פּיזאַזש און מיצקעוויטשעס כישופדיקע מאָלערייען פון די ליטווישע וועלדער.

עס ווילט זיך מיר ברענגען נאָך איין פאַרגלייך — פון פּנחס גאָלדהאַר און יהודה וואָטענס עמיגראַנטן־טיפּן. דער טיפּאַזש, די טעמאַטיק און אויסטראַלישער שטאָטישער פּייזאַזש און מיליע איז עצמדיק דער זעלבער ביי ביידע שרייבער, אָבער עס פעלט זיי אַ פאַרבינדונגס־צייכן, עס פעלט דער אידעאָלאָגישער צוגאַנג צום באַהאַנדלטן סוביעקט. פּנחס גאָלדהאַר איז געווען דורך און דורך פאָלקסטימלעך, עכט יידיש אפילו מיטן רעדנס־אַרט פון די טיפּן, וואָטען איז אין זיין מהות נישט פאָלקסטימלעך, ער שרייבט דאָך אין ענגליש, דערצו בולטן זיך אין זיינע ווערק אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, וועלכע דערגייען צום פּראָבלעם פון אויסמישן זיך מיטן ארום.

אויך ביי גאָלדהאַרן שווימט אדורך דער זעלבער פּראָבלעם פון אויסטוישן זיך, צ. ב. סעם און דזשין אין „אויף אַ פאַרם״, אָבער ער באַרירט אים אידל און פאַרזיכטיק. ער פּראָפּאַגירט אים נישט, ער ברענגט אים ווי פאַרבייגענדיק, ווי אַ זאַך וואָס קען טרעפן אין לעבן. דאָס איז נישט זיין פאָלקס־פילאָזאָפיע. דאָס וואָלט געווען ווי אַ פרעמד־קערפּער אין דער איינשטעלונג פון אַ נאַציאָנאַלדענקנדיקן, פאָלקסטימלעכן שרייבער. וואָטען טוט דאָס דווקא יאָ, פון איבערצייגונג.

איידער מיר וועלן זיך נעמען פאַנאַנדערקלייבן אין גאָלדהאַרס גייסטיקער ירושה, איז נייטיק צו געפינען אַן ענטפער אויף אַ סטערעאָטיפּישער פראַגע וואָס ווערט געווינטלעך געשטעלט: — וואָס האָט כאַראַקטעריזירט גאָלדהאַרס שעפערישער חותם און פון וועלכע קוואַלן איז געקומען דער סטימול, דער רוקנביין וואָס געפינט זיך אין זיינע ווערק? האָט גאָלדהאַר געהערט צו די אזוי גערופענע

— ווי קאָן מען עס, אין אָט דער שפּעטער שעה לאָזן אַ פרוי, זי זאָל זיך זוכן אַ טעקסי אהיימצופאָרן?

אָבער דאָ האָט דער גוטמוטיקער, צוגעלאָזענער, שפּילעוודיקער לאָצי מיטאַמאָל באַקומען באַק־ציין — און זיך איינגעשפּאַרט:

— קודם איז ער אַ מענטש, זייער אַ פאַרנומענער — און יעדער ווייס, אַז ער וווינט איבערהויפּט אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג — מ׳קאָן זאָגן — אַבסאָלוט אַ פאַרקערטע ריכטונג, און די שעה אליין איז שוין אויך ניט קיין פריע — און ער קען עס זיך ניט אונטערנעמען.

ווי אַ גוט־דערצויגענער מענטש האָט ער אפילו געזאָגט, אַז ער באַדויערט עס זייער — אָבער דאָך...

★

דער אַדוואָקאַט לאָצי גרינשפּאַן, כאָטש ערשט אין די מיטל־דרייסיקער, האָט זיך שוין באַוויזן צו מאַכן אַ נאָמען, ווי אַן עקספּערט, אויפן געביט פון אינדוסטריעלע געזעצן. ער האָט אַ שאַרפן קאָפּ, שאַרפע, דורכדרינגלעכע אויגן, א שאַרפע צונג, און כדי דאָס אַלץ צו געבן דעם געהעריקן אויסדרוק — האָט ער געלאָזן וואַקסן אַ שאַרף, פאַרשניצט בערדל.

זיינע אַדוואָקאַטישע פעיקייטן און געניטקייטן — האָט ער געוווּסט — וועלן צו גאָרניט נוצן אין דעם מאָמענט — ווען ער און מערי וועלן זיך געפינען אויפן ענגן שטח פון אויטאָ. אָנשטאָט צו פירן דאָס רעדל, וועלן זיינע הענט נעמען ארומוואַנדערן, זיך איינקלאַמערן אין אירע פינגער, און ער וועט מוזן זיך אָפּשטעלן אין מיטן פאָרן אין עפּעס אַ טונקעלער גאַס, און דאַן וועט זיך עס איבערחזרן.

אפילו אין די עטלעכע יאָר, ווען זיי האָבן געוווינט צוזאַמען אין דער באַקוועמער, סאָלידער וווינונג, מיט די ווייכע, רחבותדיקע בעטן, שפּיגלען, באָד־צימערן; ווייכע טעפּיכער און צוגעקליבענע בילדער אויף די ווענט; דער באַר, אויסגעשטאַט מיט די גוטע געטראַנקען, האָבן זיי דווקא אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אין ענגן ספּאָרט־אויטאָ, אָן אַ פריערדיקער צוגרייטונג און אָפּריידעניש — פּלוצלינג דערפילט די באַדערפעניש צו זיין צוזאַמען; די באַדערפעניש צו פאַרגעסן זיך; פאַרפּלאָנטערן זיך, און אויפפּלאָנטערן זיך — ווי זיי וואָלטן עס געווען די ערשטע צוויי מענטשן, וואָס האָבן נאָר וואָס אַנטדעקט דעם גענוס פון ליבע און האָבן מורא אַ רגע צו פאַרלירן, ווייל אין אָט דער רגע פון וואַרטן— קאָן דאָס גליק פאַרשווינדן, ווי עס פאַרשווינדט אַ פאַלנדיקער שטערן...

נאָך די אַלע וויסקיס און ווײַנען, וואָס לאָצי גרינשפּאַן האָט אין יענעם אָוונט געטרונקען אויף דער פאַמיליע־שמחה, האָט ער דאָך ניט פאַרפעלט צו געדענקען, ווי שווער עס איז אָנגעקומען צו באַשליסן — אַז זייער צוזאַמענלעבן פאַרמאָגט ניט מער דעם באַזיס, אויף וועלכן ער האָט געבויט — און אַז ער רייסט איבער מיט מערין.

געווען איז ער דאַן אויף אַ פּראָצעס אין סידנעי. נאָכער איז ער איבערגעבליבן אַן איבעריקן טאָג, כאָטש מ׳האָט אים זייער נויטיק געהאַט אין זיין מעלבורנער ביוראָ, און דער טעלעפאָן האָט אָן אויפהער אים גערופן. ער האָט געוואָלט אויס׳סדרן זיין אייגן לעבן, וואָס איז אים אָנגעקומען אַ סך שווערער, ווי אויס׳סדרן דעם ענין מיט די פּאַטענטן, וואָס צוויי פירמעס האָבן געהאַלטן — אַז זיי האָבן דאָס אויסשליסלעכע רעכט אויף אים.

נו, ער האָט פאַרשטאַנען די סיבה: דאָס אייגענע לעבן קאָן מען ניט רעגולירן מיט קאַלטער לאָגיק; פאַררופן זיך אויף געזעצן; אָנווייזן אויף פּרעצעדענטן, ווי באַרימטע יוריסטן האָבן געמשפּט. עס איז דאָס זעלבע ווי ביי אַ דאָקטער, וואָס קאָן ניט אָפּערירן זיין אייגן קינד...

און דאָ הויבט זיך אָן די צרה: אַ מענטש לעבט דאָך ניט אין בוש — הויבסט זיך אויף און אַנטלויפסט — און אויס, פּטור...

זיינע עלטערן האָבן אים געוואָרנט, אַז זיין געפיל פון אחריות איז ניט קיין גענוגנדיקע סיבה צו מאַכן דעם שריט, וואָס אַ מענטש מאַכט אים געוויינטלעך נאָר איין מאָל אין לעבן.

דער באַגריף: אייביק און אייביקייט איז פאַרן צוויי־אונצוואַנציק יאָריקן לאָצי געווען ווי עפּעס אַ ווייטע זאַך, איינגעהילט אין סודותדיקע נעפּלען וואָס פּלאָנטערן זיך אין קעפּ ביי אַלטע לייט. דער היינט איז פאַר אים געווען אַ לעבעדיקער, אַ צאַפּלדיקער, אַ זאַך וואָס מ׳קאָן אָנטאַפּן, אַרומנעמען, צודריקן צו זיך און אריבערשפּאַנען די שוועל, וועלכע טיילט פאַנאַנדער די וועלטן פון יונג און אַלט.

אזוי האָבן לכתחילה געקלונגען זיינע אַרגומענטן. אין קאָן איז געשטאַנען זיין אייגענע צוקונפט, וועלכע ער וויל געשטאַלטן אליין — אַליין מאַכן זיינע פעלערן, און פון זיי זיך לערנען. מ׳קאָן ניט לערנען פון די פּערזענלעכע דערפאַרונגען פון אַנדערע. אין די פאַרהאַנדלונגען מיט זיינע עלטערן, האָט ער אָנגעוואָנדן דעם אַרגומענטאַטיוון כוח — וואָס האָט אים שפּעטער געמאַכט פאַרן אָנגעזעענעם אַדוואָקאַט.

די אַרגומענטן — מוז מען צוגעבן — זענען געווען גענוג וואָגיק, און ווי האָבן עלטערן זיך געקאָנט אַנטקעגנשטעלן?

סיי ווי — דאָס קינד איז שוין געווען אונטערוועגס...

אין סידנעי, אליין מיט זיך — האָט ער ווידעראַמאָל איבערגעמישט אין זכרון די אַקטן פון זיין „קעיס״. מיט זיך אליין איז ער פאַרטיק געוואָרן: קעטי — דאָס בלאָנדע מיידעלע לערנט שוין אין שול — פאַר איר וועט ער זאָרגן. זי דאַרף ניט זיין קיין אָפּהאַלט. און אַז ער וועט מער ניט וווינען מיט מערין — הערט ער אויף צו זיין איר טאַטע?

פאַר זיינע עלטערן — און פאַר מעריס עלטערן וועט עס זיין אַ ביטערע פּיל אַראָפּצושלינגען. זיי האָבן זיך שוין איינגעלעבט מיטן געדאַנק, פון אָט דער סטאַטישער געמיטלעכקייט. פאַר אים אָבער איז ענג געוואָרן די שטוב. מערי איז אים געוואָרן ווידערווילִיק: אין איר באַנעמונג; איר באַציאונג, איר עגאָאיזם — דאָס איז שוין ניט איינמאָל דורכגעלופטערט געוואָרן צווישן זיי, און ער האָט איר

זי האָט אָבער געזען — בלויז אים. אַ נעפּלדיקע פייכטקייט האָט פאַרצויגן אירע אויגן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפּלעמלט דער אָפּשיין פון די ליכט, מחמת זי האָט שוין אויך עפּעס געהאַט פאַרזוכט פון דער בורשטינענער פליסיקייט — און אַלץ אין איר האָט זיך קאָנצענטרירט אויף אים. מיטן קוקן אויף אים, האָט זי געוואָלט אים עפּעס לאָזן וויסן. עפּעס — וואָס נאָר ער אַליין קאָן באַגרייפן. ער האָט זיך געלאָזט באַדינען מיט אַ נאַטירלעכקייט, ווי ער וואָלט שוין געווען געוווינט דערצו.

עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דאָס זענען צוויי, ביז גאָר נאָענטע, און אפילו אינטימע מענטשן, וואָס צוליב עפּעס אַ סיבה, אָדער אַ צופאַל זיצן זיי קעגנאיבער, פאַנאַנדערגעטיילט מיטן יום־טוב׳דיקן, פאַרפּוצטן טיש.

ער האָט באַמערקט איר ניי קלייד מיטן טיפן אויסשניט ארום האַלדז, וואָס האָט כמעט ווי פאַרשטעלט איר ראָזלעכן, צאַרטן בוזעם. ער האָט אפילו וועגן דעם געמאַכט אַ דרך־אגב׳דיקע באַמערקונג, וועלכע נאָר זיי ביידע האָבן פאַרשטאַנען — און עס האָט זיך איר געדוכט, אַז עס גייט אים אָן.

זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט אין דעם אָוונט זיין דאָ, ביים יום־טוב׳דיקן טיש, האָט זי דעריבער אָנגעטאָן דאָס דינע קייטעלע מיט דער גאָלדענער פיגור, וועלכע ער האָט איר געשענקט צו זייער חתונה. נאָר דאָס האָט שוין געהאַט אַ שייכות צו די ערשטע יאָרן פון זייערע ליבע — אידער ער האָט זי איבערגעלאָזט.

אַצינד טוט זי אַלץ, אים צוריקברענגען.

זי האָט זיך באַמיט איינצוהאַלטן זיין בליק אויף זיך וואָס לענגער — ווייל זי האָט געקאָנט זיין שוואַכקייט, און געוווּסט, אַז איר פרויאישקייט קאָן אים נאָך אַלץ באַווירקן, ווי דאָס איז געווען אין אָנהויב צווישן זיי.

פונקט ווי זי — האָט ער עס אויך געוווּסט. האָט ער זיך דעריבער באַמיט אוועקצוקוקן פון אָט דעם פונקט, אין וועלכן עס האָט, ווי אַ געפאַנגענער פויגל געצאַפּלט איר אָנציאונגס־קראַפט, וואָס האָט אים פאַרשיכורט און גערייצט. ער איז געווען פאָפולער מיט די געסט ביים טיש, און יעדער האָט געפילט פאַר זיין חוב אים עפּעס צו זאָגן, עפּעס אַזוינס, וואָס ער ווייס נאָך ניט. א חכמה׳לע; אַ וויץ. ער האָט זיך צוגעהערט, אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַן אייגענעם וויץ — זיך באַמיט צו מאַכן דעם איינדרוק פון אַ זאָרגלאָזן מענטשן וואָס איז באַפרידיקט מיט זיינע דערגרייכונגען אין לעבן; אַ מענטש, וועלכן ס׳פעלט גאָרניט, ממש אָן זאָרגן. אָבער פאָרט, זיינע שאַרפע, געדיכטע ברעמען האָבן פאַרראַטן דאָס, וואָס קומט פאָר אין זיין מוח — מיט אַ נערוועזן צוקן. עס איז געווען די שפּירונג, די אָנרעגונג וואָס פירט מיטן בליק, ווי באַוועגט פון אַן אומזעבאַרן מעכאַניזם, אָדער פאַרבאָרגענע עלעקטרישע פולסן. ער האָט געקאָנט די קוועלע פון וועלכע עס שטראָמען די עלקטרישע כוואַליעס — און איר געפּרוווט אַנטקעגנווירקן.

די געסט האָבן זיך וואַרשיינלעך געכאַפּט, אַז ער האָט ניט קיין גרויסן אינטערעס אין דאָס אַלץ, וואָס זיי פּרובירן אים היינט דערציילן. לעולם — זיי האָבן אים געקאָנט פון קינדווייז אָן... זיי האָבן זיך דעריבער אריינגעלאָזן אין זייערע אייגענע ענינים, און מ׳קאָן רואיק זאָגן, אַז די ענינים זענען געווען פון ביז גאָר פּראַקטישן און קאָנקרעטן כאַראַקטער, ווי למשל: דאָס אויספּרובירן און זאָגן מבינות אויף די ווײַנען, די ליקערן און די געפּעקלטע, קאַלטע צונגען...

די געסט, אָט אַזוי פאַרטאָן אין דעם, נאָך וואָס מ׳האָט זיי דאָ אייגנטלעך פאַרבעטן, און ווערליק דעם — וואָס מ׳האָט פון זיי דערוואַרט — האָבן זיך ניט געהאַט מיט וואָס צו פאַרשעמען. זיי האָבן אויך געפונען צייט, צו ווידמענען אַ רגע אויפמערקזאַמקייט, כאָטש אַ זייטיקע, דער פריינדלעכקייט צווישן די צוויי יונגע מענטשן. מיט דער געמיטלעכקייט פון זאַטע, גוטמוטיקע מענטשן האָבן זיי דאַן אַ טראַכט געטאָן וועגן העכערע פּראָבלעמען: וועגן דער פירונג פון דער וועלט; וועגן דעם — צוליב וואָס גאָט האָט באַשאַפן אדמען און חוהן, און דאַן זענען זיי געקומען צום אויספיר, אַז אדרבא:

— עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז אָט די צוויי, וועמענס חתונה זיי האָבן אויך ניט פאַרשעמט — ווערליק דאָס עסן און טרינקען און לאָזן זיך ווױלגיין, און זיך דעריבער געפילט דאָ שטיקלעך מחותנים, אַז טאַקע אדרבה — עס וואָלט גאָר ניט געווען קיין קרומע זאַך, אַז אָט די צוויי זאָלן ווידער ארונטערקריכן אונטער דער פערענע (עס איז געווען אַ קאַלטע, ווינטערדיקע נאַכט, אין דרויסן), ווייל פון דעם זעלבן אָרט טאַקע, זענען זיי דערגאַנגען צו דער חופּה...

נאָר די געסט האָבן נאָכאַלעמען געהאַט גענוג שכל, אָט די געדאַנקען טראַכטן פאַר זיך, און חלילה ניט אויפמאַכן דאָס מויל... מ׳זאָל ניט מיינען — אַז זיי זענען שיכור...

די געדאַנקען, דאַרף מען פאַרשטיין, האָבן צו לאַנג ניט באַאומרואיקט דעם געמיט פון די געסט. ניט צוליב דעם, דאָס הייסט — נאָכצוקוקן ווי עס פירן זיך יונגע מענטשן — האָט מען זיי אַהער פאַרבעטן. דעריבער טאַקע האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צו זייער באַשעפטיקונג און ווידער גענומען אויספּרובירן די נייע מאכלים, וואָס מ׳האָט דערלאַנגט צום טיש.

אַ חוץ אַלעמען — וואָלט כדאי געווען צו באַמערקן אין דער פאַרטיידיקונג פון די געסט — אַז דער געדאַנק ביי זיי האָט זיך שוין היפּשלעך געפּלאָנטערט, און זיי האָבן שוין מער ניט געוווּסט אויף קלאָר צי ס׳וואָלט געווען א תכלית, ווען די צוויי וואָלטן זיך ווידער צענויפגעפאָרט. אַ פאַרצירעוועטער גוואַלד־ריס, בלייבט סיי ווי אַ גוואַלד־ריס.

שפּעטער צו, האָט מען זיך גענומען קלייבן אין וועג אריין. ווידעראַמאָל האָט די איבערגעגעבנקייט און די ווױלטעטיקייט און די גוטסקייט גענומען אויבערהאַנט, און די געסט האָבן גענומען צושטיין צו לאַצין, ער זאָל אָפּפירן אַהיים מערין — ווייל עס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך:

ש. בענעט שרייבט: „טראָץ אַלע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן און דערפאָלגן ביי פאַרשידענע קרייזן פונעם אויסטראַלישן פאָלק און סטייט־רעגירונג פון מערב־אויסטראַליע, איז דער קימבערליי־פּראָיעקט אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער פעדעראַלער רעגירונג אין קאַנבעראַ און דורך דעם פּרעמיער־מיניסטער מענזיס״.

איז קודם־כל, מעגט איר האָבן די אָדער אַן אַנדער מיינונג איבער מענזיסן. אָבער נישט ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם פּראָיעקט, ווייל דעמאָלט איז מענזיס שוין נישט געווען דער פּרעמיער־מיניסטער, נאָר דזשאָן קערטין, דער לידער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, וואָס איז געווען די פעדעראַלע רעגירונג פון אויסטראַליע.

אפילו דער פּרעמיער פון מערב־אויסטראַליע, ווילקאָק, האָט געהאַט זיינע רעזערוואַציעס. ער האָט געזאָגט צו ד״ר שטיינבערגן: „מיר מוזן האָבן די גאַראַנטיע, אַז אייערע מענטשן וועלן בלייבן אין די יידישע ישובים, זיי אַנטוויקלען און נישט זיך צעלויפן אין די שטעט צו ווערן אַ לאַסט אויף דער רעגירונג״.

די שטעלע ציטיר איך פון ארטור קאָלוועלס בוך, זיין אויטאָביאָגראַפיע: „זיי יושרדיק און האָב נישט קיין מורא״. ‘‘Be Just and Fear Not’’.

איך ציטיר ווייטער פון דער זעלבער קוועלע. קאָלוועל שרייבט: „דאָס איז זייער אַ קלוגע אָבסערוואַציע מצד דעם פּרעמיער ווילקאָק, און מיט דעם איז אויך געווען באַזאָרגט קערטין. אויב א יידישער ישוב זאָל ווערן אויפגעשטעלט אין קימבערליי, ווי אזוי וועט יעדער איינוווינער, וואָס קומט אונטער דער השגחה, פּאַטראָנאַט פון דער „פריילאַנד־ליגע״, קען געצוווּנגען ווערן צו בלייבן אין דער געגנט, אויב ער וויל עס פאַרלאָזן. קערטין האָט געגנוי פאַרשטאַנען אַז עס וועט נישט לאַנג גדויערן און אַ צאָל מענטשן פון ישוב וועלן ווערן אומצופרידן און זיך איבערציען קיין סידנעי, מעלבורן, אָדער אין אַנדערע שטעט. ער (קערטין) האָט געוווּסט, אז עס וועלן אַנטשטיין פּראָבלעמען צווישן דער „פריילאַנד ליגע״ און די רעגירונגען פון מערב אויסטראַליע און פעדעראַלער. ער האָט געפילט, אַז דאָס וועט גורם זיין די פאַרשטאַרקונג פון דעם אַנטיסעמיסיזם צווישן דער אויסטראַלישער באַפעלקערונג״.

קאָלוועל שרייבט ווייטער: „די גרעסטע קעגנערשאַפט איז געווען, וואָס קיין שום טייל פון אויסטראַליע קען קיינמאָל נישט איבערגעגעבן ווערן צו אַ ספּעציעלער ראַסע אָדער רעליגיע צו עטאַבלירן א פולשטענדיקן, סעפּעראַטן, אָפּגעזונדערטן פאַרבאַנד, אָפּגעריסן פון דער איבעריקער באַפעלקערונג. מיר גלויבן, אין דעם לאַנד, ווי אַלע דעמאָקראַטיעס טוען. ווען דו לעבסט איז אַ פּלוראַליסטישער געזעלשאַפט, האָט יעדע פּערזאָן די זעלבע רעכטן און פּריווילעגיעס, ווי יעדער אַנדערע פּערזאָן. ער האָט אויך די זעלבע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פליכטן, ווי יעדע אַנדערע פּערזאָן. קיינער האָט נישט די רעכט, וואָס זאָלן זיין אויסשליסלעך אין זיין אייגענעם באַזיץ און אויסשליסן אַנדערע פּערזאָנען״.

איך וואָלט נאָך געוואָלט ברענגען פון דער זעלבער קוועלע א רייע ידיעות פון פּערזענלעכער קאָרעספּאָנדענץ צווישן ד״ר שטיינבערג און קערטינען און שפּעטער מיט טשיפלעי, אָבער ס׳איז געבליבן ביים אַלטן דאָס וואָס איך ציטיר פון אַרטור קאָלוועל.

אַזוי זעט אויס דער אמת וועגן דעם אויסגאַנג פון קימבערלעי־פּראָיעקט.

---

מ. אייזענבוד

# און דאָס לעבן גייט ווייטער...

(דערציילונג)

ביים יום־טוב׳דיקן טיש זענען זיי געזעסן קעגנאיבער. די מאכלים האָבן ארויסגעשמעקט פון גלעזערנע, קאָלירטע שיסלען; פון קאַרבירטע טאַצן. די פלעשער ווין און וויסקי, די פינקלדיקע גלעזער — דאָס אַלץ איז געווען צווישן זיי. ער האָט אָנגעגאָסן וויסקי אין זיין גלאָז. זי האָט מיטן אויג נאָכגעפאָלגט זיין האַנט. אין איר בליק איז געווען ווייכע, הכנעהדיקע איבערגעגעבנקייט. לויטן סכום, וואָס ער גיסט זיך אָן, האָט זי געוואָלט ארויספילן זיין שטימונג, זיינע פירונגען און זייער אויסווירקונג אויפן אַרום. דאָס גלאָז איז געווען דער באַראָמעטער — זי האָט געקאָנט פאָרפילן דעם שטורעם וואָס הויבט אָן אָנוואַקסן אין אים. און אפילו דער שטורעם האָט געקאָנט זיין פאַרשידנאַרטיק: טייל מאָל איז עס געווען דער שטורעם, וואָס האָט געבראַכט אַ וואַרעמען רעגן, פול מיט ראָמאַנטישן אויסגוס — אַ סך מאָל איז עס אָבער געווען אַ ווילדער שטורעם־ווינט, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן.

זי האָט גענומען דאָס גלאָז פון טיש, וואָס ער האָט נאָר וואָס אָנגעפילט מיט דער בורשטינענער פליסיקייט, און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— אייז?

— נאַטירלעך...

זי האָט אים געבראַכט אייז. זי איז אים דאַנקבאַר געווען פאַר זיין אויפמערקזאַמקייט, פאַרן פריינדלעכן טאָן.

אויפן טיש האָבן יום־טוב׳דיק געברענט די ליכט. די געסט, פאַרטאָן אין אַ זאַטן, זאָרגלאָזן שמועס האָבן ניט פאַרגעסן, אַז עס געהערט צום גוטן טאָן צו לויבן דער באַלעבאָסטע פאַר אירע געראָטענע מאכלים, פאַר איר אויפּטו. און לויבן איז טאַקע געווען וואָס. יעדע שיסל האָט געהאַט אַ באַזונדערן טעם, און כאָטש די געסט האָבן ארויסגעוויזן אַ סך בריהשאַפט און וויסן אין ענין קאָלאָריעס, זייער ווירקונג אויפן געזונט און וויפל אַ שטייגער אַ מענטש דאַרף עסן כדי צו האָבן אַ באַלאַנסירטע דיעטע — האָבן זיי פונדעסטוועגן עס פאַרקוקט, און שטילערהייט אונטערגעזינדיקט קעגן זייער באַהאַוונטקייט, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנטביישטיין דעם נסיון.

סענדער בורשטין

# דער קימבערליי־פּראָיעקט

(עטלעכע באַמערקונגען צום אַרטיקל פון **ש. בענעט**)

אין לעצטן מערץ־אַפּריל נר. פון די „מעלבורנער בלעטער“ האָט פריינד ש. בענעט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דעם קימבערלעי־פּראָיעקט פון ד״ר י. נ. שטיינבערג. זייענדיק אין אַלגעמיין מסכים מיטן מחברס אָפּשאַצונג איבער דער גרויסער פּערזענלעכקייט פון ד״ר שטיינבערג, זיין אידעאַליזם, ערלעכקייט און גרויסער ייד, קען מען אָבער נישט דורכלאָזן אַ רייע נישט ריכטיקע פעסטשטעלונגען אין דעם ענין קימבערליי גופא, סיי געאָגראַפישע, סיי פּאָליטישע, סיי היסטאָרישע, וואָס קענען פאַרפירן דעם ערנסטן לייענער.

מיר ווילן דאָס פּרובירן אַנאַליזירן.

פּר׳ ש. בענעט שרייבט: „די טעריטאָריע פון קימבערליי, וואָס געפינט זיך אויפן דרומדיקן טייל פון וועסט־אויסטראַליע, איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן פּראָיעקט. די דאָזיקע געגענט איז זייער פּרוכטבאַר און האָט נאַטירלעכע וואַסער־גרובנס, טייכן און טראָפּישע רעגנס. דער ראַיאָן איז צוגעפּאַסט פאַר האָדעווען בהמות, שעפּסן, מאַיז־גערעטעניש. די געגנט געפינט זיך נעבן גרויסע טייכן און האָט אַ פּאָרט אויפן פּאַציפישן אָקעאַן (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — ס.ב.)

אין דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף זענען פאַראַן צוויי געאָגראַפישע פעלערן. ערשטנס — קימבערליי געפינט זיך נישט אין דרומדיקן טייל פון וועסט־אויסטראַליע, נאָר אויפן צפון־מערבדיקן טייל פון וועסט־אויסטראַליע. צווייטנס, קען נישט וועסט־אויסטראַליע, וואָס געפינט זיך ביים אינדישן אָקעאַן האָבן אַ פּאָרט אין פּאַציפישן אָקעאַן. ס׳איז „פּאָלג־מיך־אַ־גאַנג“, אַ שפּרונג פון מערב קיין מזרח. ס׳איז טאַקע אמת, אַז קימבערליי האָט אַ צוטריט צום ים, אָבער צום אינדישן.

אויף אַן אַנדער אָרט, אין זעלבן אַרטיקל שרייבט ש. בענעט: „ד״ר שטיינבערג האָט געגלויבט, אַז ארץ ישראל וועט נישט קענען לייזן די פּליטים־לאַגע פון אייראָפּע“ אין 1940. און מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די טויערן פון א״י זענען געווען הערמעטיש פאַרמאַכט דורך בעווינס פּאָליטיק, וואָס אפילו די „סטרומאַ“־קרבנות האָבן נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן“.

איך גיי נישט פאַרטיידיקן בעווינען. ער האָט גענוג חטאים אָן דעם. אָבער פאַרוואָס בלויז בעווין? די טראַגעדיע „סטרומאַ“ איז פאָרגעקומען אין 1942. דעמאָלט איז אין ענגלאַנד געווען אַ קאָאַליציע־רעגירונג פון די קאָנסערוואַטיווע און לייבאָר־פּאַרטייען, די טשערטשיל־עטלי־רעגירונג. בעווין איז געווען דער אַרבעטס־מיניסטער און אידען דער אויסערן־מיניסטער. אויב באַשולדיקן, איז די גאַנצע ענגלישע רעגירונג שולדיק,ביידע פּאַרטייען.

ש. ב. שרייבט אויך: „אַז די ענגלישע רעגירונג איז געווען קעגן דעם פּראָיעקט“, דעם קימבערליי־פּראָיעקט.

איך ווייס נישט פון וועלכע קוואַלן פּר׳ בענעט נעמט די דאָזיקע פעסטשטעלונג. איך וואָלט אים געווען דאַנקבאַר, אז ער זאָל מיר דאָס באַווייזן. די לאָגיק זאָגט פּונקט פאַרקערט. מיר ווייסן, אז די ענגלישע פּאָליטיק אין יענער צייט, סיי פון די קאָנסערוואַטיווע און סיי פון דער לייבאָר פּאַרטייען, איז געווען איינגעשטעלט פּראָ־אַראַביש צו געפעלן די אַראַבער. על־פּי־שכל איז דאָך די קימבערליי־אידעע געווען, ווי א גרויס געווינס, ווי אַ בליץ־אָפּלייטער פאַר ענגלאַנד, פּונקט ווי די פאַרמלחמהדיקע רעאַקציאָנערע פּוילישע רעגירונגען, ווענדיק פּטור ווערן פון די יידן אין פּוילן, האָבן געמאַכט באַמיאונגען וועגן יידישער עמיגראַציע קיין מאַדאַגאַסקאַר.

צווייטנס, האָט ענגלאַנד דעמאָלט געהאַט מיט זיך צו טאָן. זי איז געווען איינגעוויקלט אין אַ בלוטיקער מלחמה מיט היטלער־דייטשלאַנד. דער ענין קימבערליי איז איר נישט געלעגן אין דער „לינקער פּיאַטע“ וועגן זיין פאַר אָדער קעגן א נייער „אוגאַנדע“.

קומען מיר איצט צום לעצטן און וויכטיקסטן פּונקט: — ווי איז געווען די באַציאונג פון דער אויסטראַלישער פעדעראַלער רעגירונג צום קימבערליי־פּראָיעקט?

---

לשכת שר החינוך והתרבות

לכבוד
ב׳ וינר
ועד "קדימה"
מעלבורן

בע״ה כ׳ באייר תשל״ט
17 במאי 1979

שלום רב.

מכתבכם לשר החינוך והתרבות הועבר אלי.

אנו טפלנו רבות בנושא להקת "אנחנו-כאן", והשר מינה ועדה בת 3 אנשים לבדוק את נושא הלהקה.

אנו מקוים, שלאחר המלצות הועדה, יבואו הדברים על תיקונם.

ב ב ר כ ה,

דב גולדברגר
יועץ השר

ביוראָ פון מיניסטער
פאַר בילדונג און קולטור
צו דעם „קדימה“־קאָמיטעט
אין מעלבורן

אייער בריוו צו דעם מיניסטער פאַר בילדונג און קולטור איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן.

מיר האָבן זיך פאַרנומען זייער א סך מיט דער פראַגע „אנחנו כאן“ און דער מיניסטער האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע פון 3 מיטגלידער אויסצופאָרשן דעם ענין.

מיר האָפן, אז נאָך דער רעקאָמענדאַציע פון דער דאָזיקער קאָמיסיע וועט די פראַגע געלייזט ווערן.

מיט גרוס
**דב גאָלדבערגער**
מיניסטעריאַל־ראַטגעבער

לשכת נשיא המדינה

OF THE PRESIDENT OF ISRAEL

ירושלים, כח באדר תשל״ט, 27 במרס 1979

לכבוד
מר י. שר, יו״ר
ועדת התרבות שע״י ״קדימה״
7 רחוב סלבין, אלסטרנויק, 3185
אוסטרליה

מר שר הנכבד,

נשיא המדינה, מר יצחק נבון, הטיל עלי לאשר את קבלת מכתבכם, מיום 4 דנא, ולהביע לכם בזאת את הערכתו הכנה להתענינותכם בלהקת ״אנחנו כאן״ ודאגתכם לעתידה.

עוד בטרם שמכתבכם נתקבל, פנה הנשיא בעצמו אל המוסדות הנוגעים בדבר כדי להיודע על הפרטים ולהביע את תקותו להמשך פעולתה של הלהקה. ישנם קשיים ממשיים והקטע מעתון ״דבר״ שלפני שבוע המצורף לזאת מסביר את זאת. נקוה בכל זאת שפשרה לשביעות רצון כולם תבטיח את קיום הלהקה ״אנחנו כאן״.

בברכת הנשיא לך ולעמיתיך,

ובכבוד רב

שולמית נרדי
יועצת לנשיא

מצ״ל: 1

שנ/מב

**הסוכנות היהודית לארץ־ישראל**

**THE EXECUTIVE OF THE JEWISH AGENCY**

לשכת יו״ר ההנהלה — OFFICE OF THE CHAIRMAN

יצחק רגר — YITZHACK RAGER

יועץ היו״ר — General Counsel

כ״ד באדר תשל״ט
23.3.79

לכבוד
ועד ״קדימה״
מלבורן

א.נ.,

תודה על מכתבכם אל מר דולצין.

להקת״אנחנו כאן״ נהנתה עד היום מסיוע רב מתקציבי הציבור ובכלל זה סכומים נכבדים מקופת הסוכנות.

גם בעתיד יש בכוונתנו לסייע ללהקה, אם תקפיד על הקריטריונים המקובלים ובין היתר תקציב מפורט ומאושר.

בכבוד רב,

י. רגר

ביורא פון מלוכה־פרעזידענט
ירושלים, 27טער מערץ 1979
צו דער פאַרוואַלטונג
פון „קדימה” אין מעלבורן,
אויסטראַליע.

דער פּרעזידענט פון דער מדינה מר יצחק נבון האָט מיך באַאויפטראַגט צו באַשטעטיקן די קבלה פון אייער בריוו פון 4־טן מערץ 1979 און אייך אויסדריקן זיין אויפריכטיקע אָנערקענונג פאר אייער פאַראינטערעסירונג מיט דעם אַנסאַמבל „אנחנו כאן” און פאַר אייער זאָרג וועגן זייער צוקונפט.

איידער אייער בריוו איז דערהאַלטן געוואָרן, האָט דער פּרעזידענט פּערזענלעך זיך געווענדעט צו די מאָסגעבנדע אינסטאַנצן, צו דערגיין די איינצלהייטן און אויסדריקן זיין האָפענונג, אז דער אַנסאַמבל וועט קאָנטינוירן זיין טעטיקייט.

עס זענען פאַראַן פּראַקטישע שוועריקייטן און דער בייגעלייגטער אויסצוג פון „דבר” קלערט אויף דעם ענין. מיר האָפן דאָך, אז מען וועט דערגרייכן אן אויסגלייך, וועלער וועט אַלעמען צופרידנשטעלן און וועט פאַרזיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דעם אַנסאַמבל „אנחנו כאן”.

מיט גרויס כבוד
**שולמית נרדי**

ראטגעבערין פון פרעזידענט־ביורא.

---

ביוראָ פון פאַרזיצער
פון דער יידישער אַגענץ

**יצחק רגר** —
הויפּט־ראַטגעבער
פון דער יידישער אַגענץ

דעם 23טן מערץ 1979

אַ דאַנק פאר אייער בריוו צום פאָרזיצער פון דער יידישער אַגענץ מר דולצין.

דער אַנסאַמבל „אנחנו כאן” האָט ביז דעם היינטיקן טאָג באַקומען באַדייטנדיקע סובסידיעס פון געזעלשאַפט־לעכע קוועלן, אריינגערעכנט גרעסערע סומעס געלט פון דער יידישער אַגענץ.

מיר האָבן בדעה צו אונטערשטיצן דעם אַנסאַמבל „אנחנו כאן” אויך אין דער צוקונפט, אויב זיי וועלן זיך צופּאַסן צו די אָנגענומענע באַדינגונגען און צווישן אַנדערן צושטעלן אַ גענויעם באַשטעטיקטן בודזשעט.

מיט גרויס כבוד

י. רגר

# ווע‎ט דער אַנסאַמבל „אנחנו כאן" אונטערגיין?

דער קאַמף קעגן יידיש אין ארץ ישראל, וואָס האָט זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין אַ זינלאָזער שנאה פון פאַנאַטיקער (אַ מין היינטיקע נטורי קרתא) האָט הינטער זיך אַ טרויעריקע פאַרגאַנגענהייט.

יעדער מין פאַנאַטיזם — וואָס פאַראַ פאַזיטיוון ציל ער זאָל זיך נישט שטעלן — זענען אין סך־הכל די רעזולטאַטן„ די אויסווירקונג אויף דער סביבה — אַ נעגאַטיווע.

געוויס — זינט יענע יאָרן האָט זיך גאָר אַ סך געענדערט אין דער באַציאונג פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפט צו יידיש — אָבער די פאַרהאַרטעוועטע שנאה־מיקראָבן האָבן זיך אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין דעם אָרגאַניזם פון ישוב, אַז עס איז זיי שווער צו באַקעמפן. נאָך ערגער איז דאָס, וואָס די מיקראָבן־טרעגער זיצן גאָר אָפט אויף פאַראַנטוואָרטלעכע, איינפלוסרייכע אַמטן, און דערלאָזן נישט, אַז נאָך יאָרן רדיפות, זאָל דאָס לשון פון די גערודפטע יידן — אויסגלייכן דעם רוקן.

געשיכטע, וואָס איז בדרך כל אַ טרוקענער און ערנסטער ענין — האָט ליב פון צייט צו צייט אָפּצוטאָן קאַטאָוועסן — שפּיצלעך ממש.

מיט אָנקומען פון דער סאָוויעטישער עליה, זענען די יידיש־נעגירטע און אויסגעוואָרצלטע געשטעלט געוואָרן פאַר אַ דילעמע:

אין ראַטנפאַרבאַנד האָט יידיש לשון געליטן צוזאַמען מיט די סאָוויעטישע יידן — מען האָט פאַרמאַכט יידישע צייטונגען, שולן, פאַרלאַגן (אפשר האָבן זיך דאַן די יידיש־שונאים אין ארץ ישראל גאָר געפרייט דערמיט...) און דאָ — אין מדינת ישראל דאַרפן זיי זיך פילן ווי פרייע מענטשן — איז ווי אַזוי קאָן מען אַנטקעגנטראָגן די זעלבע באַציאונג צו יידיש, ווי אין ראַטנפאַרבאַנד? איז עס נישט אין סתירה מיטן צוזאָג — אַז סאָוויעטישע יידן קענען געניסן פון אַלע פרייהייטן?

צוזאַמען מיטן שטראָם פון עולים, זענען געקומען פון ווילנע אַ גרופּע יידישע מוזיקער, טענצער, זינגער — וועלכע זענען אין ווילנע געווען אָרגאַניזירט אין אַ „סצעניש אַנסאַמבל פון געזאַנג און טענץ". אַזעלכע אַנסאַמבלען געפינען זיך כמעט אין יעדער גרעסערער, סאָוויעטישער שטאָט. דער אונטערשיד איז בלויז, וואָס די ווילנער גרופּע איז באַשטאַנען פון יידישע מענטשן מיט נאַציאָנאַלע געפילן און זייערע אויפטרעטונגען זענען געווען אויף יידיש.

כדי צו געבן שווונג דער סאָוויעטישער עליה, און אונטערצושטרייכן די זאָרג פון דער מדינה פאַר העלפן אויפהאַלטן און אַנטוויקלען צווייגן פון קונסט — איז פּראַקלאַמירט געוואָרן דאָס שאַפן פון אַ רעפּרעזענטאַטיוון אַנסאַמבל פון סאָוויעטישע יידן, אונטערן נאָמען „אנחנו כאן".

אין געוויסע קרייזן אין ישראל האָט מען געקוקט קרום אויף דעם אויפטו (און נישט דווקא אין יידיש־פיינטלעכע קרייזן). נאָר דאָ האָט שוין, ווייזט אויס, געווירקט די מענטשלעכע שוואַכקייט פון קנאה פון אַנדערע אַרטיסטן, וועלכע האָבן זיך געמוזט ראַנגלען מיט אייגענע כוחות, כדי צו שפּילן יידיש טעאַטער.

די אויפטרעטונגען פון „אנחנו כאן" אין דער וועלט, האָבן געבראַכט נישט נאָר אָנזען יידיש לשון, נאָר פּרעסטיזש דער מדינה גופא. אומעטום האָט מען אָפּגעשאַצט די זאָרג פאַר דער קולטורעלער אויפלעבונג, כאָטש יעדער ווייסט, ווי שווער די מדינה ראַנגלט זיך מיט אירע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.

אויך מיר אין מעלבורן האָבן געהאַט דאָס גרויסע פאַרגעניגן צו געניסן פון די „אנחנו כאן" אויפטרעטונגען.

צו אונדז אין שטאָט קומען פון צייט־צו־צייט ענלעכע אַנסאַמבלען, וועלכע זענען מלוכהשע אינסטיטוציעס, און רעפּרעזענטירן די פאָלקס־קונסט פון די מלוכות — פון וועלכע זיי זענען געשיקט געוואָרן. מיר האָבן געפילט, אַז מדינת ישראל איז דאָ בכבודיק רעפּרעזענטירט געוואָרן, און מיר האָבן — אויסער עסטעטישן גענוס — אויך געהאַט דעם געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

נאָר אָט זענען צו אונדזער דערגאַנגען קלאַנגען, אַז דער גורל פון „אנחנו כאן" וואַקלט זיך צווישן זיין — און נישט — זיין; אַז די מיטגלידער פון דעם אַנסאַמבל קלייבן זיך אויסצוזעצן ביי די טירן פון קולטור־מיניסטעריום און דערקלערן אַ הונגער־שטרייק.

די „קדימה" — אָפּשאַצנדיק די וויכטיקייט פון דער עקזיסטענץ פון אַזאַ אַנסאַמבל פאַר די קולטור־באַדערפעניש פון יידן, האָט באַלד זיך באַשטייערט אויף אַ פאָנד, וואָס זאָל דערמעגלעכן דעם אַנסאַמבל אָנצוגיין מיט זיין אַרבעט. מיר האָבן זיך אויך געוואָנדן צו פאַרשידענע ישראלדיקע, פירנדע פערזענלעכקייטן, ווייל מיר גלויבן — אַז אַזאַ מין רעפּרעזענטאַטיווער אַנסאַמבל דאַרף אויסגעהאַלטן ווערן פון דער מלוכה. מיר האָבן זיי געבעטן נישט צו דערלאָזן — אַז דער אַנסאַמבל זאָל זיך צעפאַלן, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ גרויס פאַרלוסט, פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן אויסדרוק.

מיר ברענגען דאָ דריי ענפערס, וועלכע די „קדימה" האָט דערהאַלטן. מיר טוען אַלץ, אַז אונדזער רוף זאָל דערהערן ווערן: „אנחנו כאן" טאָר נישט אונטערגיין!!!

## יידיש־קורסן אין בן־גוריון אוניווערסיטעט

מיר דערוויסן זיך, אַז די קורסן פון יידיש און יידישער ליטעראַטור אין בן גוריון־אוניווערסיטעט אין באר שבע גייען אָן נאָרמאַל שוין דאָס דריטע יאָר. די קורסן עקזיסטירן אין די ראַמען פון דער אָפּטיילונג פאַר אַלגעמיינע דיסציפּלינען ביים הומאַניסטישן פאַקולטעט. די לעקטאָרין פון יידיש איז אנא דרעסקער, וועלכע לערנט אויך יידיש אַזעלכע וואָס קענען לגמרי נישט די שפּראַך. די קורסן זענען בעיקר באַזירט אויף די שריפטן פון שלום עליכם און י. ל. פרץ. עס ווערט פאָרויסגעזען, אַז אין גיכן וועט מען אויך לערנען די שריפטן פון אַנדערע יידישע שרייבער.

# דאָס ישראל־ליד „הללויה" — געווונען אינטערנאַציאָנאַלן געזאַנג־קאָנקורס

יעדעס יאָר ווערט דורך די אייראָפּעאישע טעלע־וויזיעס דורכגעפירט אַ פאַרמעסטונג פאַרן בעסטן ליד. דער קאָנקורס גייט אונטערן נאָמען: **„אייראָווויזשן"**. דאָס איז אַ זייער פּאָפּולערע פאַרמעסטונג, צו וועלכער עס קוקן זיך צו מיליאָנען מענטשן.

היי יאָר — ווי פאַראַיאָרן — האָט די פאַרמעס־טונג געווונען ישראל מיט ליד: **הללויה**, געזונגען דורך דער 26 יאָריקער **גלי אַטאַרי** מיט דער באַגלייטונג פון דער „מילך און האָניק" מוזיקאַלישער גרופּע.

דאָס ישראלדיקע ליד האָט געווונען מיט 125 פונקטן, אַנטקעגן שפּאַניש — 111 פונקטן, אין פראַנ־צויזיש — 106 פונקטן.

אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, ווו די אָנטיילנעמער אין דער פאַרמעסטונג פון 19 לענדער האָבן געטאַנצט אונטער די קלאַנגען פון דעם ליד, האָט אַטירא באַ־צייכנט די פּראָגראַם:

**„שלום אייראָווויזשן".**

אונדזער מיטאַרבעטער, דער דיכטער חיים מאַל־טינסקי, האָט אונדז צוגעשיקט די יידישע איבער־זעצונג פון דעם ליד.

שימרית אור

יידיש — **חיים מאלטינסקי**

## הללויה

הללויה זאָל אייביק שאַלן,
הללויה — זינגען מיר אַלע.
אין דעם איין וואָרט דאָס האַרץ
מיט אַ שפע פון דאַנקבאַרקייט
קוועלט.
סאַראַ ווונדערלעך־שיינע וועלט!

הללויה מיטן ליד היינט,
הללויה — דעם טאָג וואָס שיינט,
הללויה אויף דעם וואָס געווען און ניטאָ
און וואָס נאָך ניט געווען —
הללויה, אין אַ גוטער שעה.

הללויה — זאָל אייביק שאַלן.
הללויה — זינגען מיר אַלע.
וועלן קומען די גרויסע טרייסט און גאולה,
אַ שפע פון קלאַנגען די לופט וועט פאַרפולן,
און אויך מיט אונדז צוזאַמען זאָגן — הללויה.

הללויה מיטן ליד היינט,
הללויה — דעם טאָג וואָס שיינט,
הללויה אויף דעם וואָס געווען און ניטאָ
און וואָס נאָך ניט געווען —
הללויה, אין אַ גוטער שעה.

הללויה פאַר אַלץ אויף דער ערד,
הללויה, נעכטן און מאָרגן,
וואָס זיין וועט באַשערט.

הללויה, גיין האַנט ביי האַנט
און מיט איין האַרץ זינגען נאָכאַנאַנד —
הללויה.

הללויה מיטן ליד היינט,
הללויה, דעם טאָג וואָס שיינט,
הללויה, אויף דעם וואָס געווען און ניטאָ
און וואָס נאָך ניט געווען —
הללויה, אין אַ גוטער שעה.

**חיים מאלטינסקי**
אור יהודה

## חודש פון יידישן בוך
### אָרגאַניזירט פון אַרבעטער־רינג אין תל־אביב

דער אַרבעטער־רינג האָט אָרגאַניזירט אַ חודש פון יידישן בוך אין זיין לאָקאַל אויף קאַלישער 48. במשך דעם חודש זענען יידישע ביכער, אין אַ גרויסן אויסוואַל, פאַר־קויפט געוואָרן צו הנחה־פּרייזן. עס זענען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם בוך־חודש פאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי ליטעראַ־רישע אימפּרעזעס וועלכע האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם און אַזוי אַרום געהאָלפן דעם פאַרקויף פון יידישן בוך, וואָס איז געווען זייער דערפאָלגרייך.

עס זענען פאָרגעקומען 5 אונטערנעמונגען אין וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען די שרייבער און קינסטלער: אין ערשטן אָוונט — באַביץ, יהודה קערש, ה. וואַסער, פייוול זיגעלבוים, ד"ר י. ח. בילעצקי, נחמן ראַפּפּ און דער סאַמאַראָוו־כאָר. אין צווייטן אָוונט האָבן זיך באַטייליקט: מ. חלמיש, אברהם ליס, בן עמי פאָגעל און ח. מאל־טינסקי. אין דריטן אָוונט: ה. אַשעראָוויטש, ל. פּאָדריאַ־טשיק, יוסף קערלער און ש. טאָפּ. אין פערטן אָוונט: י. צ. שאַרגעל און יוסף פּאַפּיערניקאָוו. דער שלוסאָוונט איז פאָרגעקומען ביי געדעקטע טישן.

לעכע טראַדיציעס און אין אונדזערע יידישע וועגן. איך זאָג, אַז דער וועלטלעכער און סעקולערער יידישער סעקטאָר האָט ביים היינטיקן טאָג נישט די געהעריקע מיטלען איינצוהאַלטן דעם צוקונפטיקן יידישן דור. איז עס צוליב גאַנץ פשוטע טעמים, אָבער דער הויפּט־טעם איז, וואָס מיר אַליין שטעלן פעסט, אַז „אַלע געטער האָבן פאַרראַטן": דער פאַשיזם מיט דער היטלער־מגפה, די נאָכפאָלגער זייערע — קאָמוניזם מיט דער סטאַלין־מגפה, האָבן באַווירקט אונדז, דעם עלטערן דור און גאָר שטאַרק דעם יונגערן דור. דאָס דריקט זיך אויס אין אַ געוויסן פעסימיזם, וואָס שטעלט אין שאָטן דעם עצם יידישקייט אין אַלע פאָרמען בכלל, די וועלטלעכע פאָרם בפרט.

ווי וועט טאַקע אויסזען יידיש מעלבורן אין יאָר 2000? קיין נייער צושטראָם פון אַ קערנדיקער יידישער עמיגראַציע, ווי דאָס איז געווען מיט 30 יאָר צוריק, זעט זיך נישט פאָר. די רוסיש־יידישע עמיגראַציע האָט אַבסאָלוט גאָרנישט אין איר גייסטיקן באַגאַזש, וואָס זאָל זיי פאַרבינדן מיט אונדזער אַמאָליקן עטיש־טראַדיציאָנעלן שטייגער און אויך הונדערט פּראָצענט — גאָרנישט פון אַ יידישער קולטור־ירושה. ממילא ווערן די יסודות פון אונדזער יידיש־רעליגיעזן און יידיש־וועלטלעכן לעבן אַלץ בלאַסער און שוואַכער און עס קומען ארויף געדאַנקען: צי האָט עס אַ זינען די דאָזיקע יסודות איינצוהאַלטן?!

דאָ האָט אייגנטלעך דער דאָזיקער אַרטיקל זיך געדאַרפט פאַרענדיקן. איז דאָך אָבער אַן אַלטער אמת, אַז געשיכטע ווערט נישט געמאַכט דורך צווייפלער, נאָר דורך עקשנים און אָפּטימיסטן.

נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיר לעבן אין אַ צייט פון שפע, איז עס אָבער אָן שום פאָרם און אינהאַלט. מיר דאַרפן אויפהערן — אויף אונדזערע קולטור און געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען — איבערחזרן אונדזערע נאָסטאַלגישע דערינערונגען. מיר דאַרפן אָנהויבן סיי אין די שולעס, סיי אין דער פרעסע — יידישע און ענגלישע — און ספּעציעל אויף אַלע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעך קולטורעלע אימפּרעזעס איןביידע שפּראַכן, ארויסקומען מיט דעם אידעאַל פון „אויב נישט נאָך העכער!" — דאָס באַדייט, אז דאָס יידישע פאָלק איז אין דער פאַרגאַנגענהייט, איצט און וועט זיין אין דער צוקונפט — אַן אויסנאָם פאָלק — מיט אַ העכערן בליק סיי אין דעם יידיש פאָלקישן לעבן און סיי אין אַלמענטשלעכן לעבנס־גאַנג. די לעצטע פאָר יאָר מערקט זיך די דאָזיקע „אויב נישט נאָך העכער" אידעאָלאָגיע ביי אַ סך אַנדערע קאָלירטע און נישט קאָלירטע פעלקער וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אין זייערע טראַדיציעס און מנהגים. מיר דאַרפן זאָגן אונדזער צוקונפטיקן דור ביי אַלע געלעגנהייטן, אַז עפּעס מיסטעריעזעס איז פאַראַן ביי דעם יידישן פאָלק און דאָס מיסטעריעזע קען אָנגערופן ווערן „קיום און המשך" אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס און אויפפאַסונגען. דאָס קען סטימולירן און אינטריגירן, אַז מען דאַרף נישט האָבן קיין שיפלות צום אייגענעם פאָלק, אַז מען דאַרף נישט זוכן אַן אינהאַלט אין לעבן, דורך אַנטלויפן פון זיך, צו איניווערסאַלער טעכנאָלאָגישער אַסימילאַציע, נאָר פאַרקערט: אידענטיפיצירן זיך מיט דעם דאָזיקן מיסטעריעזן געראַנגל, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געפירט אויף אַלע געביטן און אין אַלע צייטן.

אוודאי וועלן א סך „לאַכער" און „אָפּלאַכער" פרעגן מיט איראָניע: איז דער דאָזיקער אידעאַל „אויב נישט נאָך העכער", נישט דאָס זעלבע וואָס מען האָט אַמאָל געפּרייקט — דעם „אתה בחרתנו" אידעאַל?

האָב איך נישט בדעה אריינצוגיין אין אַ דעבאַטע, וואָס מיינט ענלעכקייט און וואָס מיינט נאָוואַטאָרישקייט — וואָס איך ווייס יאָ אויף זיכער איז, אַז עס איז וויכטיק עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל צוימען די צעשטערערישע פּראָצעסן וואָס קומען פאָר אין אַלע יידישע ישובים גרויסע און ספּעציעל קליינע — אַ חוץ מדינת ישראל.

איך זאָג, אז דער אידעאַל „אין ברירה" איז געווען אַ לאָזונג וואָס האָט געראַטעוועט דעם יידישן ישוב אין ישראל אין אַלע פאַזן פון געפאַר און אומקום, וואָס אין רעזולטאַט, איז די יידישע מדינה אויסגעוואַקסן צו דעם גרויסן יידישן העגעמאָנישן צענטער איבער דער גאָרער יידישער וועלט.

מיין איך דעריבער, גאָרנישט טאָן איז פאַטאַל סיי פאַר אונדז און סיי פאַר דעם נייעם יידישן יינגן דור! עפּעס טאָן — בכדי צו פאַרמיידן דעם צוקונפטיקן חלל וואָס וועט אַנטשטיין אין אונדזער קליינעם יידישן ישוב, איז אַלץ בעסער, ווי פאַרנעמען זיך בלויז מיט פאָרויסזאָגונגען.

# דער חלום פון לעבן

דער חלום פון לעבן
געמישט איז פוןביידן:
טייג פון'ם גיהנום
און מאָן פון גן־עדן.

אַמאָל איז ער מילד,
אַ גוטער, אַ שיינער
מיט אַמאָל, אַ חיה
מיט וועלפישע ציינער.

אַ מאָל איז ער — זומער
מיט בלומען און קאָרן,
מיט אַמאָל, איז ער ווינטער —
און שטעכט ווי אַ דאָרן...

אַמאָל קומט ער האַרבסט־בונט
אין זוניקן וועטער,
מיט אַמאָל, — געלער־יעסיען, —
— משונה־פאַרקערטער, —
— רייסט פון דיביימער ארונטער די בלעטער...

ווייל אַ מיש איז דאָס לעבן,
פון בייזן מיט גוטן: —
לײדנדע יאָרן —
מיט בלומען — מינוטן . . .

מאיר זייבל

# י. אָרבאַך
# יידיש מעלבורן... אין יאָר 2000

אויף א געזעגענונגס־אָוונט לכבוד די יידיש געזעלשאַפטלעכע טוערס פון לאָס־אַנדזשעלעס, די פריינד לילקע און שלמה מייזנער, האָט דער שרייבער פון דעם ארטיקל — נאָך אַן אינהאַלטרייכן איבערבליק איבער דעם יידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די פאראייניקטע שטאַטן פון לילקע מייזנער — געפרעגט די פראַגע: „ווי אזוי שטעלט איר זיך פאָר דאָס יידיש און יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן אין אמעריקע מיט 10 אָדער 20 יאָר שפּעטער?״ די גרעסטע צאָל צוהערער האָבן אויסגעבראָכן אין אַ איראָניש געלעכטער ווען זיי האָבן געהערט די דאָזיקע אויסטערלישע קשיה. די פרעלעגענטין האָט דוקא נישט מיטגעלאַכט מיט די צוהערער, נאָר געענטפערט, אַז, „זי וויל נישט זיין קיין נביא, ווייל אַ נביא איז א האַלבער נאַר״... זי האָט אָבער צוגעגעבן, אַז „בכדי דער פראַגעשטעלער זאָל האָבן אַ פאָרשטעלונג ווי אזוי עס וועט אויסזען, וואָלט נישט געשאַדט, ווען די גרויסע און קלענערע יידישע ישובים אין צפון־אמעריקע זאָלן זיך אביסל לערנען פון דעם קליינעם יידישן וויטאַלן און אַקטיוון געזעלשאַפט־לעבן לעבן אין מעלבורן״.

איך האָב געברענגט דעם דאָזיקן עפּיזאָד אַלס אריינפיר צו מיין אַרטיקל צוליב דעם, וואָס איך וויל יאָ זיין „אַ האַלבער נאַר״ און ארויסזאָגן זיך, אויפן סמך פון מיין יידיש געזעלשאַפטלעכע דערפאַרונג אין משך פון 25 יאָר אין מעלבורן — ווי אַזוי וועט דאָס יידישע מעלבורן אויסזען אין יאָר 2000?

מיר זענען ביים היינטיקן טאָג אַ קליינער יידישער ישוב אין דעם גרויסן קאָנטינענט אויסטראַליע און אויך אין אונדזער ירושלים — דאויסטראַליע — מעלבורן.

מיר ווערן פון יאָר צו יאָר אַלץ מער און מער באַהערשט פון דער שטאַרקער אויסטראַליש־ענגלישער קולטור, וואָס איז שטאַרקער פון אַ סך אַנד. עטנישע קולטורן און פון אונדזער ספּעציפיש יידישע קולטור, אוודאי און אוודאי. דער רעזולטאַט פון דעם פּראָצעס פון דער דאָזיקער באַהערשונג איז, אַז אונדזער יוגנט פאַרלירט איר אייגענעם יידישן פנים, פאַרלירט דעם נאַציאָנאַלן איך און באַקומט אַ מינדערווערטיקייט־געפיל צו דער יידישער שפּראַך און צו יידישער קולטור. דער צוגאַנג זייערער צום יידישן לעבן האָט כמעט גאָרנישט צו טאָן מיט אונדזער רייכער פאַרגאַנגענהייט און ממילא ווערן ביי זיי פאַרבלאַסט אַלע אָנגעווייטיקטע יידישע פּראָבלעמען און אפילו אין אַ געוויסער מאָס דער פּראָבלעם פון דער יידישער מדינה. און „אזוי ווי עס קריסטלט זיך אַזוי אויך יידישט זיך״... די דרויסנדיקע, נישט יידישע יוגנט לויט דער לעצטער „אַפלוענטישער״ מאָדע, האָט אָנגענומען דעם אידעאַל פון: „כאַפּ אריין דעם היינט און זאָרג זיך נישט וועגן מאָרגן״... ביי דער יידישער יוגנט אין דער פרייער וועלט — אויסטראַליע בתוכם, איז דער אויסדרוק פון „כאַפּ אַריין״ — דאָס אָוועקוואַרפן און פאַרגעסן דעם גרויסן יידישן נעכטן פון דעם פּויליש־ליטווישן יידנטום און נישט טראַכטן וועגן דער יידישער צוקונפט. דער „כאַפּ־אַריין״ דריקט זיך אויך אויס מיט דעם, וואָס מען אַסימילירט זיך נישט אַזוי שטאַרק, מיט שפּראַך און קולטור, נאָר מען אַסימילירט זיך, מיט דער נייער אוניווערסאַלער טעכנאָלאָגישער קולטור. דאָס ווירקט אַ סך מער, כדי צו ווערן אָפּגעפרעמדט פון יידישע טראַדיציעס, פון יידישער קולטור, ווי שפּראַך און קולטור־אַסימילאַציע, וואָס בלויז דאָס אליין האָט אויך געבראַכט אַ סך שאָדן דעם יידישן פאָלק.

נאָך אַ זאַך, וואָס איז זייער וויכטיק פאַר דעם יידישן סעקטאָר אין אונדזער יידיש מעלבורן. דאָס איז: אַז אויב דער רעליגיעזער סעקטאָר אין אונדזער יידישן מעלבורן האָט „מיט וואָס״ און „צו וואָס״ אַנטקעגנצושטעלן זיך דער דאָזיקער אוניווערסאַלער אַסימילאַציע, האָט דער סעקולערער און וועלטלעכער יידישער סעקטאָר — צום באַדויערן — נישט די דאָזיקע „מיט וואָסן״ און „צו וואָסן״ וואָס זאָל איינהאַלטן אונדזער יוגנט אין אונדזערע וועלט־

---

וועגן וועלכע די באָבע ברײנע פלעגט דערציילן אירע קינדער, ווען זיי זענען נאָך געווען קליין, און די דאָזיקע געשיכטע פונעם קרייץ־צוג שווייסט צונויף דעם פאַרבלאָנדזשענדן זון מיט זיין פאָלק דורך דעם פלאַם פון עמפּערונג און יראת הכבוד.

מען וואָלט זיך גאַנץ גוט געווען געקאָנט באַגיין אָן דער דאָזיקער מיסטישער ראַם, וואָס גיט זייער ווייניק צו דעם בילד. אָבער דער עיקר איז דאָס, וואָס די דאָזיקע איבעריקע ראַם רעמט אַרום אַ בולט בילד פון דער פּסיכאָפּאַטאַלאָגיע פון אַסימילאַציע און פון נאַציאָנאַלן געזונט ווערן.

*) אַזוי איז דער טיטל פון דער דייטשער איבערזעצונג אין אָריגינאַל הייסט דאָס בוך "The Island Within" („דער אינזל אין זיך״), אַ טיטל, וואָס הגם ער איז בילדלעך, איז ער גלייכצייטיק אַבסטראַקט־אינטעלעקטועל. די בילדלעכקייט איז דאָ נישט דורכזיכטיק.

*) אין צווייטן טייל פון זיין ביאָגראַפיע "Mid Channel" שרייבט לואיסאָן: פון דערפאַרונג, און מער נאָך פון באַאָבאַכטונג, בין איך אינערלעך געצוווּנגען געווען (impelled) צו שרייבן די געשיכטע, באַטיטלט "The Island Within" און כמעט תיכף נאָך איר דערשיינען און ווייטער האָט מען מיר געהאַלטן אין איין שטעלן, בריוולעך און מינדלעך, די פראַגע: „איר ווילט מיר זאָלן זיין יידן, פונקט ווי אַנדערע זענען אַמעריקאַנער אָדער ענגלענדער, און מיר פילן טיף, אַז מיר ווילן זיין יידן, און אַז דורך דעם, וואָס מיר וועלן זיין אַזעלכע, וועלן מיר באַפרייט ווערן פון קאָנפליקטן און ליידן און שווערקייטן, וואָס מאַטערן אונדז איצט. אָבער מיט וואָס זאָלן מיר זיין יידן? וואָס איז דער אינהאַלט פון דער יידישער טראַדיציע, וועגן וועלכער איר רעדט?״

און דעם ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן וויל ער זיינע פרעגער געבן אין "Mid Channel"

די געבראַכטע ציטאַט באַווייזט, אַז די „שטים פון בלוט״ איז פון איין זייט ביאָגראַפיש, אָבער פון דער צווייטער איז דאָס אַן אויסדרוק פון אַ גאַנצן דור, וואָס האָט דעם ראָמאַן אויפגעכאַפּט ווי אַן אייגענעם געשריי.

וואָס באַשטייט אין דער ירושה פון לעבעדיקע אינסטינקטן, וואָס ווירקן נאָך און שענקען דאָס געפיל פון אַ געוויסער המשכדיקייט. ער הויבט אָן זיך צו קוקן צו זיין קריסטלעכע פרוי און ער זעט, אַז הגם זי איז שוין „נישט געווען קיין מעטאַדיסטין, און אירע לעצטע אבות זענען בשעתו אַרויסגעטראָטן פון דער דאָזיקער סעקטע, דאָך האָבן נאָך אירע וואָרצלען געזויגן לעבנס־זאַפטן פון דאָזיקן גלויבן, הגם עפּעס וואָס אין איר האָט זיך געבונטעוועט קעגן דאָזיקן גלויבן...”

אין איר דאָזיקער אָפּגעשוואַכטקייט איז געווען עפּעס העראָאישעס, ווייל דאָס, מיט וואָס זי האָט זיך געראַנגלט, איז געווען דער גלויבן פון איר פאָטער און די ירושה פון איר בלוט... די יידן אָבער פון זיין דור האָבן מער נישט געהאַט קעגן וואָס זיי וואָלטן געווען געקאָנט רעוואָלטירן...”

אַרטור הויבט אָן צו שפּירן אַן אַבסאָלוטע גייסטיקע היימלאָזיקייט, אַ גייסטיקע עיקרדיקייט, ווייל יעדע שעפערישער אויסדרוק דאַרף דורכגיין דורך דעם מעדיום פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, אויב אפילו אין דער פאָרם פון קאַמף קעגן איר.

אַרטור טרעט צו צו ליקווידירן אַלע זיינע שוואַכע פונקטן. ער קעמפט קעגן זיין מינדערווערטיקייטס־קאָמפלעקס, ער קעמפט קעגן זיין היימלאָזיקייט אַפילו אין געביט פון די אינסטינקטן און ער קעמפט פאַר אַ מעדיום פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור, כדי נישט צו בלייבן גייסטיק פּרוכטלאָז...

ווען ער זעט די ספּעציפישע יידישע ליידן פון די יידישע משוגעים אין משוגעים־הויז (זייליידן אפילו פון די קריסטלעכע קראַנקע — אויף צו פייניקן יידן זענען אפילו די משוגעים געגוג נאָרמאַל, פּונקט ווי די נאָרמאַלע זענען דערויף געגוג משוגע), וואוהין ער קומט אָן אַלס דאָקטאָר — ווייל ער נישט ענלעך זיין אויף יענעם יידן, וועלכער האָט זיך נישט אָנגענומען פאַרן אַלטן, געשלאָגענעם יידן, כדי נישט צוצוציען די אויפמערקזאַמקייט צו זיין אייגענער יידישקייט. אויב די לאַגע פון די יידישע קראַנקע איז ערגער פאַר דער לאַגע פון די איבעריקע, דאַרף ער זיי נעמען אונטער זיין שוץ, הגם ער וועט דערמיט צוציען צו זיין קראַנקן אָרט פיינטלעכע בליקן.

און ווען ער זעט, אַז זיין קאַמף איז פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל, בלייבט ער נישט שטיין אויף אַ האַלבן וועג: ער גייט אַוועק אין אַ יידישן שפּיטאָל.

דאָרט פילט ער זיך פרייער, נאַטירלעכער, באַפרייט פון דער פּסיכישער שפּאַנונג צוליב די יידיש־קריסטלעכע קעגנזייטיקע באַציונגען. און ביי דער אַרבעט אין דאָזיקן שפּיטאָל הויבט ער ערשט אָן צו פאַרשטיין ווי געהעריק, ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען מען קאָן באַפרייען די יידן פון דער דאָזיקער טויטנדיקער (מאָראַליש און פּסיכיש) שפּאַנונג נישט נאָר אויפן אינזל־געביט פונעם שפּיטאָל.

פאַראַן אין לואיסאָנס ראָמאַן אַ קליינינקער פּרט, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט צו וואַרפן אַ טיפן בליק אין די טיפענישן פון מענטשנס פּסיכישן לעבן.

ביי דער צערעמאָניע פון מל זיין זיין זון, פילט ער זיך באַפרידיקט. ער פילט אין זיך מיט פרייד די ווידערגעבורט פון יידישן אַטאַוויזם. ווען אַרטור וואָלט געווען זיין אַ פּסיכיש פולגעוויכטיקער ייד, וואָלט ער אָדער געקאָנט דורכפירן איבער זיין זון די מצווה פון מילה אָדער קעמפן קעגן איר, אָבער איצט, אין זיין אָפּגעפרעמדטן צוריקקער, איז די דערפילונג פון דער דאָזיקער מצווה פאַר אים גלייכבאַדייטנדיק מיטן באַקומען יידישע ערן־בירגערשאַפט. זיין פרוי קאָן קעמפן קעגן איר מעטאָדיסטישער ירושה; ער, אַרטור, מוז נאָך דערווערבן דאָס, קעגן וואָס מען קאָן קעמפן — דאָס, וואָס מען קאָן מאָדעלירן, ווייל מען באַזיצט עס אינערלעך.

און אַרטור דעראָבערט די דאָזיקע אינערלעכע ירושה. פון איין זייט שטויסט אים דערצו דער לאָגישער געדאַנק, אַז אויב מען מוז שוין סיי־ווי זיין אַ ייד (צוליבן ווילן פון דער אַרומיקער סביבה, וואָס אָנערקענט נישט אונדזער אַוועקגיין פון יידנטום), טאָ פאַרוואָס נישט אַלס ייד, וואָס איז גייסטיק רייך? פאַרוואָס נישט נעמען פון יידנטום און פון זיין טראַדיציע דאָס בעסטע? פאַרוואָס נישט שעפּן „פון דער דיכטונג פון דער ראַסע און פון דער געשיכטע פון די אבות?” און פון דער צווייטער זייט דערגרייכט אים די בשורה פון דער געשיכטע פון זיינע אבות, ער הערט אויף צו זיין „אַן אַרומשלעפּער, וואָס געדענקט נישט זיין אָפּשטאַם” (לויטן אויסדרוק פון רוסישן דיכטער איוואַנאָוו). אַרטור שפּירט מיט זיין גאַנצן וועזן, אַז ער וואָרצלט זיך איין אין דער פאָלקס־סובסטאַנץ, אַז ער הערט אויף צו זיין גייסטיק היימלאָז, גייסטיק נאַקעט.

„עס האַנדלט זיך וועגן דעם — רעזומירט פאַר זיך אַרטור, אַז מען דאַרף אָפּהיטן פאַרן זון די ירושה... מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז זיין זון זאָל ווען נישט איז האָבן דאָס געפיל, אַז עמעצער שליסט אים אויס פון עפּעס...”

ווען יאַקאָב לעווי דערוויסט זיך וועגן דער איבערקערעניש אין זיין זונס אינערלעכן לעבן, זאָגט ער צו אים:

„מיין דור האָט זיך באַמיט אַראָפּצוטראָגן דאָס הויז פון ישראל. אפשר וועט איר עס ווידער אויפשטעלן”.

די ראָם פון לואיסאָנס ראָמאַן, וואָס מיר האָבן אים טיילווייז אויסגעפאָרשט פון זיין אידעאָלאָגישער זייט, איז אַביסל אַ מיסטישע. ברײנע, אַרטורס באָבע, וואַרפט אַוועק אירע קינדער (שווער צו גלויבן אויף אַ יידישע מאַמע פון יענער צייט) און פאָרט אַוועק קיין פּאַלעסטינע. זי פילט פאָרויס, נאָכן מאַנס און זונס אַוועקגיין צום משכיל אַלס אָנגעשטעלטע, אַז די יידישקייט פון איר פאַמיליע גייט באַרג אַראָפּ, און זי פאָרט אַוועק אינעם הייליקן לאַנד, כדי דאָרט צו לאָזן אַ רעטנדיקן וואָרצל. נישט אומזיסט שווימט אַרויס ברײנעס געזיכט — די קינדער און די אייניקלעך ווערן אַמאָל ענלעך אויף איר. ווען די טאָכטער פון יאַקאָב לעווי וויל זיך שמדן, וואַכן אין פאָטער אַטאַוויסטיש אויף צום לעבן די ווערטער פון זיין באָבען ברײנע וועגן דעם, אַז בעסער זען דעם געליבטן מענטשן אַ טויטן אידער אַן אַוועקגעגאַנגענעם אין שמד (פאַר ברײנען איז שמד געווען דאָס אָננעמען אַ שטעלע ביי אַן אפיקורס, פאַר יאַקאָבן — דאָס אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן). דער העלד פון ראָמאַן, אַרטור, געפינט היסטאָרישע דאָקומענטן פון אַ געהיימנישפולן משפחה־קעסטעלע,

מיט זיי, בעת אַרטור, דער ייִד, האָט זיך געשעמט מיט זיינע אינסטינקטן און זיך באַצויגן צו זיי מיט פאַראַכ־טונג".

און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין מאַכט אַרטור אַ קאָפּערניקאַנישע איבערקערעניש. אַ גאַנץ לעבן האָט ער געוואָלט ענלעך זיין אויף זיין פריינד דאַוסאָן, און ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט נישט קיין אבות אין שאָט־לאַנד, אבות, מיט וועלכע מען דאַרף זיך נישט שעמען, וועלכע מען דאַרף נישט פאַרלייקענען. אָבער איצט דער־נענטערט ער זיך צו אַ פשוטן, נאָרמאַלן געדאַנק: ער קאָן ענלעך זיין אויף זיין פריינד, אויב ער וועט זיך נאָר אויפ־הערן צו שעמען מיט זיינע אבות. אויב ער וועט נאָר אויפהערן אַוועקצולויפן פון זיין עבר.

אַרטור באַמערקט, אַז דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגישער צו־שטאַנד פון אַלע זיינע אַסימילירטע פריינד נעמט זיך פון דעם, וואָס „זיי אַלע האַלטן אין איין אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט (ווי אַלע נויראַטיקער — י. ר.), דאָס דער־דריקט זיי ווי אַן אומדערטרעגלעכע משא".

כדי געזונט צו ווערן מוז מען עפענען די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט, אָננעמען זי, פירן מיט איר אַ קאַמף — מיט איין וואָרט, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם נויראַטישן פחד פאַר דער אייגענער ייִדישקייט.

אַזאַ געזונט ווערן ליגט אויפן וועג צו דער נאַציאָ־נאַלער באַוועגונג פון ייִדישן פאָלק.

✶

אַרטורס וועג צום ייִדנטום איז אַ לאַנגזאַמער, אַ דווי־ערנדיקער. נישט אַזוי לייכט וואַקסן אויס אײדעלע זוימען אויף אַ נישט־צעאַקערטן, צעטראַטענעם פעלד. אָבער דער זוימען פון נאַציאָנאַלער צוגעבונדנקייט שפּראָצט דאָך אַרויס און וואַקסט, הגם ביי שרעקלעכע חבלי־לידה.

ווען יאַקאָב לעוויס זיידע, מענדל דער מלמד, ווערט „קאַליע", דערנענטערט זיך צו די משכילים און גייט אַוועק אויף אַ שטעלע צו אַ משכיל, דעם הער ברעסלאַ־ווער — רעאַגירט אויף דעם זיין ווייב, די פרומע בריינע, מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„כ'וואָלט שוין ליבער צעריסן מיין קלייד אַלס צייכן פון טרויער נאָך דיר, אײדער דערלעבן צו דעם־אָ!"

זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס דאָזיקע קליינע אָפּווייכן פון דער טראַדיציע וועט דערפירן, אין לעצטן סך־הכל, — צום פולן אַוועקגיין פון ייִדנטום, און טיילוויז איז זי גערעכט — די זין גייען אַוועק נאָך ווייטער, און די איי־ניקלעך געפינען זיך שוין אויף דער צווייטער זייט פון דער באַריקאַדע. יעדנפאַלס איז דאָס זייער שטרעבן. אָבער דאָס איז נאָר אַ טיילווייזער אמת. ס'איז נישט אַזוי לייכט אַוועקצוגיין פון ייִדנטום, אַפילו ווען מען וויל דאָס. ערשטנס, שטויסט אונדז די וועלט צוריק צום ייִדנטום; און צווייטנס, אונדזער אין משך פון יאָר־טויזנטער דיסטילירט, מיט ייִדנטום אָנגעזעטיקט בלוט ציט צוריק צום ייִדנטום. דאָס פאַרשטייט אַפילו דזשאַ גאָלדמאַנס מוטער — וועל־כע איז ווייט פון דער טראַדיציע און פון נאַציאָנאַלע עמאָציעס — ווען זי הערט די דיסקוסיע, צווישן איר זון דזשאַ און אַרטורן, וועגן ייִדנטום, וועגן דעם ווונטש פון זייערע שוועסטערס צו אַנטלויפן פון ייִדנטום.

„ייִדן — זאָגט זי, פאַרלאָזנדיק זיך אויף דער לאַנגער היסטאָרישער דערפאַרונג — זענען תמיד געווען ייִדן און אַזעלכע וועלן זיי תמיד בלייבן. אין דעם קאָנט איר שוין זיכער זיין".

און אין דער דאָזיקער זיכערקייט איז דאָ אַ געוויסער אמת, לכל הפחות אַ פאַקטישער.

ווען האַזעל, אַרטורס שוועסטער, פאַרליבט זיך אין אַ קריסטלעכן בחור און זי וויל זיך שמדן, זאָגט דער פאָ־טער, אַז ער וויל זי ליבער זען אין קבר. און די מוטער איז מסכים מיט אים. דער דאָזיקער אויסברוך פון די עלטערן מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אומבאַוווּסטזיניקער רעפלעקטיווער רעאַקציע, פון עפּעס אַן אַטאַוויזם. זיי, די דאָזיקע עלטערן, האָבן דאָך מיט גאָרנישט נישט פאַר־בונדן די קינדער מיטן ייִדנטום. אַפילו זייער אייגענע פאַרבינדונג מיטן ייִדנטום איז געווען זייער אַ שוואַכע. אָבער פון די טיפסטע טיפענישן פון אייניקל האָבן זיך אָפּגערופן, ווי אַ ווידערקול, דער באָבעס שרעקלעכע ווער־טער. מען האָט אָנגערירט דעם וואָרצל, און ער האָט זיך מיט אַלע כוחות אַ ציי געטאָן צו היימישן באָדן: אויסגע־ריסן ווערן אינגאַנצן וויל ער נישט.

דאָס מיידל איז לאָגיש געדעכט, ווען עס זאָגט:

„פאַרוואָס נישט? העגרי האָט מיך ליב, און איך האָב אים ליב. איך פיל, אַז מען דאַרף האָבן אַ רעליגיע, יאָ. דאָ האָט מען מיר קיין שום רעליגיע נישט געלערנט!" (אַן אויסטערלישע ענלעכקייט מיט יוסטינעס ווערטער פון אַשס דראַמע „די יורשים").

אויך אַרטור איז לאָגיש געדעכט, ווען ער פרעגט:

„פאַרוואָס?", און „הויבט אויף זיין שטימע כמעט ביז שרייען".

„זיינע ווערטער — קאָמענטירט לואיסאָן טיף, מעכ־טיק און סוגערירנדיק — זענען געפאַלן, ווי שטיינער אין דער טיפער שטילקייט, נישט קיין אָפּקלאַנג, נישט קיין ענטפער".

ווער האָט אים דען געקאָנט געבן אַן ענטפער, אויב דער פאָטער האָט גערעדט נישט מיט דער שטימע פון אייגענעם באַוווּסטזיין, נאָר מיט דער שטים פון די אבות, מיט דער שטים פון בלוט.

און אַרטור פאַרשטייט נישט צוערשט: „אַרטורס בליק איז ארומגעלאָפן פון דער מוטער צום פאָטער. עפּעס פרעמדס, אימהדיקס, אייביקס און ווייט־ווייטס האָט ווי אַראָפּגענידערט אויף זיי ביידע". אָבער דערנאָך פאַרשטייט ער דאָס, ער הויבט דאָס אָן צו פאַרשטיין:

„דער אור־היסטאָרישער אינסטינקט האָט אין יענעם אָוונט אויפגעבליצט אין זיין פאָטער. און אַרטור האָט פלוצלונג דערשפירט, אַז אַזאַ אינסטינקט האָט אין זיך עפּעס שיינס, עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרדינט יראת הכבוד".

✶

אַרטור הויבט אָן צו פאַרשטיין, אַז אים און זיין יונגן אַסימילירטן דור פעלט יענץ לעצט שטיקל היימיש באָדן,

יחיד, נאָר די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַ פאָלק, וואָס געפינט זיך אין אומנאָרמאַלע באַדינגונגען אין גרויסע טיילן זיינע זענען פּסיכיש קראַנק געוואָרן.

דער קליינינקער אַרטור באַמערקט, אַז ווען עס קומט צו אים צו גאַסט אַ קליינינקער גוי, פילט זיך אין דער אַטמאָספער פון זיין היים עפּעס קינסטלעכס, אָנגעצויגנס. דער קליינינקער אַרטור קאָן נישט וויסנשאַפטלעך דעפינירן די דאָזיקע דערשיינונג, אָבער ער באַמערקט און פילט זייער גוט די דערשיינונג און די ווירקונג פונעם מינדערוועַרטיקייטס־קאָמפּלעקס, וואָס צעפרעסט אונדזער פּסיכיק אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, ווי מיר שטעלן זיך פאָר, ווי מיר ווילן דאָס מודה זיין, דאָס דערשיינען פון אַ קליינעם קריסט אין יעדער יידישער סביבה פּאַראַליזירט דאָס נאָרמאַלע פונקציאָנירן פון דער יידישער פּסיכיק.

דאָס, וואָס דער קליינער אַרטור האָט באַמערקט אין זיין אייגענער היים, אין זיין צימער, ווו עס איז צו אים געקומען שפּילן זיך א קליינינקער קריסט, וועט ער שוין נישט אויפהערן צו באַמערקן אומעטום און תמיד. ער וועט, ווען ער וועט עלטער ווערן, באַמערקן די שרעקלעכע דערשיינונג פון דער יידישער מימיקרי. ער זעט, ווי יידן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי באַמערקן נישט ווי יונגע כוליגאַנעס שפּאָטן אָפּ פון אַן אַלטן יידן, כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט צו זייער יידישקייט. יידן ווענדן אָן אַלע סאָרטן פון מימיקרי — פונעם שוץ־קאָליר ביזן אָנשטעל, אַז זיי זענען טויט, אַז זיי הערן נישט און זעען נישט.

אַרטור מאַכט אַמאָל פאָלגנדיקע אַנטדעקונג: זיין פאָטער זעט אויס „אומגלויבלעך יידיש". און ער פרעגט זיך:

„צי דען וועט אַן אירלענדיש־אַמעריקאַנער יונגער מענטש זיך זאָגן: „ווי אירלענדיש עס זעט אויס מיין פאָטער!"

און אַרטור באַמערקט דעם הויפּט־אונטערשיד צווישן אים און זיינע חברים־קריסטן. זיין שאָטלענדישער פריינד לייקנט גאָרנישט, אַז זיין היימלאַנד איז שאָטלאַנד. ער שעמט זיך נישט מיט זיין אָפּשטאַם, מיט זיינע אבות, בעת ער, אַרטור, איז ווי שטאַמלאָז. אָן אָבות.

איינמאָל זאָגט אַ ייד וועגן קליינינקן אַרטור, וועלכער גייט מיט די ביכער אונטערן אָרעם: אַקוראַט ווי אַ קליינינקער מלמד..."

אַרטור פרעגט אין דער היים, וואָס עס באַדייט דאָס וואָרט „מלמד", און זיין פאָטער, דערמאָנענדיק זיך זיין זיידן דעם מלמד, דערקלערט דאָס דאָזיקע וואָרט דורך אַן אומנאַטירלעכן געלעכטער, שפּירנדיק אַ ווייטיק. ער פילט, וואַרשיינלעך, אַ ווייטיק פונעם אומריינעם געוויסן, וואָס ער באַהאַלט אויס פאַר זיינע קינדער — זייערע און זיינע אָבות, די ווייטע, ווי די נאָענטע.

אַרטור פילט זיין באָדנלאָזיקייט. זיינע עלטערן און דזשאָנס עלטערן (די עלטערן פון די כלערליי אַרטורס און דזשאָנס) האָבן אַן אייגענעם געטאָ, ווו זיי לעבן ווי נישט איז, אָבער דער יונגער אַסימילירטער דור האָט קיין שום סביבה נישט. פון יידנטום האָט מען זיי אָפּגעריסן, און זיי לויפן פון אים, ווייַל זיי פילן נישט צו אים קיין שום צוגעבונדנקייט, און פון דער אַרומיקער סביבה טרייבט מען זיי אָפּ.

און דער רעזולטאַט: דער דאָזיקער יונגער דור ליידט פון אַ שרעקלעכן מינדערוועַרטיקייטס־קאָמפּלעקס, און ווי עס געשעט תמיד אין אַזעלכע פאַלן, מוזן זיי זיך פילן העכער פאַר עמעצן און עמעצן פאַראַכטן, כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט פּסיכיש צו אָטעמען, כדי זיך צו קאָמפּענסירן. און זיי פאַראַכטן זייער אייגן פאָלק. ערשטנס דערפאַר, ווייל אַלע פאַראַכטן אים, און אויף אַזאַ אופן גנבענען זיי זיך אַריין, כאָטש פון דער דאָזיקער זייט, פון שוואַרצן אַריינגאַנג צו יענע, וועלכע לאָזן זיי צו זיך נישט צו פון פראָנט אַריינגאַנג. זיי אידענטיפיצירן זיך מיט זיי, מיט די פאַראַכטער פון זייער פאָלק. און צווייטנס דערפאַר, ווייל דורך דער דאָזיקער פאַראַכטונג זענען זיי זיך נוקם פאַר ליידן, וואָס זיי לעבן איבער צוליב דער צוגעהעריקייט צום דאָזיקן פאָלק.

„יידן... יידן... יידן..."

דאָס דאָזיקע אייביקע וואָרט מאַכט אים, אַרטורן (ווי מיר האָבן אויבן געזען), קראַנק. דאָס דאָזיקע וואָרט פאַרפאָלגט אים.

„ער פאַראַכטעט שוין דאָס דאָזיקע וואָרט גופא. און וואָס שייך די יידן, וועלכע קומען צו פאָרן פון רוסלאַנד" — **צו זיי שפּירט ער אַ שנאה, ער קאָן זיי נישט פאַרטראָגן.** (איין געזעץ פאַרן קליינינקן אַרטור און פאַרן גרויסן וואַסערמאַן).

אָבער דאָ פאַלט אַרטור אַריין אין אַ קעסל־גרוב, וואָס איז נישט ווייניקער טיפיש, ווי זיין מינדערוועַרטיקייטס־קאָמפּלעקס. ער פאַלט אַריין אינעם קעסל־גרוב פון געירשנטן בלוט.

אַרטור באַמערקט, אַז ווען ער זאָגט אַרויס דאָס וואָרט „רוסלאַנד", „טראַכט (ער) נישט ווילנדיק נאָר וועגן קישיניעווער פּאָגראָם... ער האָט זיך דאָס נישט געקאָנט דערקלערן... פּשוט, אומבאַגרייפלעך..."

אָבער ווי קומט דאָס? ער האָט דאָך פיינט די יידן, באַזונדערס די רוסישע? אָבער, ווי עס שיינט, איז „דער פּראָטעסט קעגן קישיניעוו געלעגן ביי אַרטורן אין בלוט".

און ווען זיינע פריינד וואַרפן אים פאָר, אַז אויף די באַציאונגען צווישן אמעריקע און רוסלאַנד קוקט ער, אַרטור, פון יידישן שטאַנדפּונקט, הויבן זיך אָן דורכצושלאָגן אין אים זעלבשטענדיקע געדאַנקען — אַ זאַך, וואָס טרעפט זייער זעלטן ביי די, וואָס ליידן פונעם מינדערוועַרטיקייטס־קאָמפּלעקס.

„ווען עס וואָלטן פאָרגעקומען — טראַכט אַרטור — אַן אָנפאַל אויף שאָטלאַנד, דעם היימלאַנד פון זיין פריינד דאָוסאָן, צי וואָלט אויך ער, דאָוסאָן, אויפן נאַטירלעכסטן אופן נישט געווען געקוקט אויפן דאָזיקן אָנפאַל נישט פונעם אַמעריקאַנער שטאַנדפּונקט, פּונקט ווי ער, אַרטור, קוקט אויף דער מיטאַרבעט מיט רוסלאַנד?..."

אָבער אַן אונטערשיד איז דאָ צווישן אים, אַרטורן, און דאָוסאָנען: „דאָוסאָן האָט באַוווּסטזיניק געלעבט אין הסכם מיט זיינע אינסטינקטן, ער האָט אפילו שטאָלצירט

צוערשט באַמיט זיך יאַקאָב לעווי נישט אַרויסצוּווייזן זיין יידישקייט.

„יידן — זאָגט לואיסאָן — וועלכע האָבן גערעדט יידיש, זענען אים געווען אומאָנגענעם".

דער דאָזיקער קליינינקער שטריך גיט אַ מעגלעכקייט אַריינצובליקן זייער טיף אין דער קראַנקער נשמה פון דער אַסימילאַציע. יאַקאָב וואַסערמאַן האָט זיך אַמאָל מודה געווען, אַז ער פלעגט זיך אָפט פילן אומגליקלעך אין דער אָנוועזנהייט פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן. דאָס איז טיפּיש פאַר אַלע אַסימילאַטאָרן: זיי האָבן מורא, אַז די נאָענטקייט פון אַ צווייטן יידן זאָל נישט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיקע אויך אויף זיי. גראָד דאָס, וואָס זיי פילן זייער קרובהשאַפט מיטן דאָזיקן יידן, וועקט אין זיי אַ שנאה צו אים.

איינער פון די פּערסאָנאַזשן פון לואיסאָנס ראָמאַן, דזשאָ גאָלדמאַן, באַזיגט יאַקאָב וואַסערמאַנס עמאָציע: „אויב איין ייד רעדט צו הויך, דאַן ציטערן תיכף אַלע אַנדערע יידן... פון שרעק, אַז אין דעם קאָן מען זען אַ באַשטעטיקונג פון אַלגעמיינעם פאָראורטייל".

מען דאַרף נישט דווקא, אַז דער ייד זאָל רעדן יידיש אָדער הויך — עס איז גענוג זיין יידישע נאָז, עס איז גענוג, וואָס דער אַסימילאַטאָר ווייסט, אַז עס זיצט נעבן אים אַ ייד. דאָס, וואָס ער וויל אַנטלויפן (און ס'דאַכט זיך אים, אַז ער איז דערפון אַנטלאָפן) זיצט פּלוצלינג פאַר אים אָביעקטיוויזירט, זעעוודיק פאַר אַלע אַרומיקע — ער זעט זיין „איך" אַן אָביעקטיוויזירטן, און ער ווערט מלא חימה, ער באַקומט אים פיינט, ווי זיין יידישן „איך".

מען זאָגט, אַז אַ הויקער פרייט זיך, ווען ער דערזעט אַ צווייטן. דאָס איז נישט אמת. אַ הויקער האָט פיינט זיינע חברים די הויקערס, ווייל זיי דערמאָנען אים זיין אייגענעם אומגליק. יעדער הויקער האַלט פאַר אים אַ שפּיגל. און דעם דאָזיקן הויקער אין שפּיגל ווילט זיך צעברעכן.

יאַקאָב לעווי איז נישט געווען קיין אויסנאַם פון דאָזיקן כלל. אָבער ווען ער איבערצייגט זיך, אַז ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן דערקענט צו ווערן, ווייל מען האָט אים שוין סיי־ווי דערקענט, האָט ער פאַר זיך אַן אָנשפּאַר אין דער יידישער פאַרגאַנגעהייט. און ער טרעט אָפּ צו זיין ירושהדיקער פּאָזיציע: „איך קאָן נישט פאַרטראָגן קיין יידן, וועלכע מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען עפּעס אַנדערש.

און פון זיין דאָזיקער פּאָזיציע ווערט אים שווער צו פאַרשטיין זיינע קינדער. ווען מ'נעמט נישט אָן זיין טאָכטער אין אַן אַריסטאָקראַטישער שולע, און זי איז אויסער זיך פון חרפּה און ווייטיק, לייגט איר דער פאָטער פאָר אַריינצוטרעטן אין אַ שולע, וואָס ווערט באַזוכט בלויז דורך יידן.

די טאָכטער איז פאַרצווייפלט: „איך וויל נישט, איך וויל נישט, איך וויל נישט".

דער פאָטער פאַרשטייט נישט: „פאַרוואָס נישט? צי דען שעמסטו זיך מיט דעם, וואָס דו ביסט אַ יידישקע?" און דאָס יונגע מיידל ענטפערט מיט אַ געשריי פון דערלייכטערונג (ווי אַרויסוואַרפנדיק צוזאַמען מיטן דאָזיקן געשריי אַ שווערקייט פון איר נשמה): „יאָ, איך שעם זיך!"

און ווען דער פאָטער ברענגט איר אַלס ביישפּיל זיך: אויך ער האָט נאָר יידישע האַנדלס־באַציאונגען, „מיר פאַרקערן נאָר צווישן אייגענע מענטשן", פרעגט זיך זיין זון, אַרטור, אין געדאַנק: „צי דען זענען יידן „זיינע" מענטשן, די מענטשן פון זיין שוועסטער?"

און ער פרעגט דעם פאָטער: „ווער זענען דאָס — אונדזערע מענטשן?"

דער פאָטער, וועלכער האָט אַמאָל אַליין אויך אויסגעמיטן יידן (מיינענדיק, אַז אַ דאַנק דעם וועט ער אויסמיידן אַנטיסעמיטיזם), ווען עס איז אָבער דאָך פרעמד זיינע קינדערס אַבסאָלוטע אָפּגעפרעמדקייט פון יידנטום, האָט דערויף איין ענטפער: „משוגעת!" אים דאַכט זיך אויס, אַז זיינע קינדער זענען נישט נאָרמאַל. ער איז אָבער נישט גערעכט. אויב אינעם יידישן קאָמפּלעקס פון יאַקאָב לעוויס קינדער איז אפילו דאָ אַן עלעמענט פון משוגעת, דאַרף מען אים זוכן אין דער דערציאונג, וואָס ער האָט געגעבן זיינע קינדער. באמת, וואָס האָט אַרטור לעווי בשותפותדיקס מיטן יידנטום? ער טראָגט אויף זיך קינס צייכן, נישט וויסנדיק פאַר וועמענס זינד. און דערין ליגט זיין עיקרדיקע טראַגעדיע. ער טראָגט „די ירושה אין בלוט", אָדער, ווולגאַר אויסגעדריקט, די ירושה אויף דער נאָז, אָבער נישט אינעם באַוווסטזיין, נישט אין זיין האַרצן. און וועגן דער דאָזיקער „ירושה פון בלוט" דערמאָנען אים אַנדערע, מערסטנטייל פרעמדע מענטשן, וואָס זענען צו אים פיינטלעך געשטימט. ווען נישט זיי, וואָלט ער אפשר וועגן דער דאָזיקער ירושה פון בלוט נישט געוווען געהאַט קיין אַנונג.

צווישן אַרטורן און זיין חבר דזשאָ גאָלדמאַן (וועלכער לייגט אַלע האָפענונגען אויף דער באַפרייאונג פון יידישן אומגליק אויפן זיג פון קאָסמאָפּאָליטיזם) קומט פאָר אַ כאַראַקטעריסטישער דיאַלאָג:

אַרטור: „צי דען קאָנען מיר זיין נאָך ווייניקער יידן ווי מיר זענען?... אין וואָס, אייגנטלעך, באַשטייט דאָס דאָזיקע יידישע אין מיר און אין דיר?"

דזשאָ: „איך ווייס נישט. זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז, ווי איך ווייס נישט. און דאָך..."

ער רייסט איבער און פאַרענדיקט דערנאָך:

„דאָס מאַכט מיך קראַנק".

„אַרטור: „מיך אויך".

וועגן די סימפּטאָמען פון אָט־דער קרענק, וועגן אירע דערשיינונגען און וועגן די מיטלען זי צו באַקעמפן רעדט זיך טאַקע אין לואיסאָנס בוך.

★

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז לואיסאָנס בוך איז אויטאָביאָגראַפיש. מען דאַרף דאָס אָבער נישט נעמען צו ענג. עס באַזירט זיך אויף פערזענלעכע איבערלעבונגען, אָבער אויך אויף אַ פיינער לעבנס־באָאָבאַכטונג*). דאָס דאָזיקע בוך שילדערט די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע נישט פון אַ

וויזן אַן אויסערלעכן דערפֿאָלג, ווייזט זיך דאָך אַרויס, אַז דאָס אַנטלויפֿן איז געווען אומזיסט: דער דריטער, דאָס דורך און דורך אַסימילירטע שפּראָצל פֿון דער דאָזיקער טיפּישער יידישער פֿאַמיליע פֿון דער אַסימילאַציע־עפּאָכע, קערט זיך אום צום יידנטום, מיד פֿון אומפּרוכטבאַרן קאַמף קעגן דער טאָפּלטער ירושה פֿון גורל און בלוט, און ער איז זיכער, אַז דער דאָזיקער קאַמף איז נישט נאָר אַ פֿאַרשפּילטער, נאָר ער איז אויך נישט אָנשטענדיק, דערנידערנדיק און עקלהאַפֿט.

דער דאָזיקער קאַמף איז פֿאַרשפּילט, ווייל מען מוז אים פֿירן אויף צוויי פֿראָנטן: מיט דער אויסערלעכער וועלט און מיט דער אינערלעכער. אונטערן דרוק פֿון די דאָזיקע צוויי פֿיינטלעכע פֿראָנטן, זאָגט זיך אַרטור לעווי אָפּ פֿונעם קאַמף און ער קערט זיך אום — אַלס באַזיגטער זיגער — צום יידנטום.

★

די יידישע אַסימילאַציע איז נישט קיין פּראָצעס פֿון אוממיטלבאַרן אַריינוואַקסן אין אַ פֿרעמדער סביבה. דאָס איז אַ באַוווסטזיניק אַנטלויפֿן, דאָס איז אַ פּראָצעס פֿון אַרויסרייסן מיט גוואַלט טיפֿע וואָרצלען. דאָס יידנטום האָט אין משך פֿון יאָר־טויזנטער געלעבט אויסערלעך און אינערלעך אָפּגעזונדערט פֿון די אַרומיקע סביבות, און מיט דער צייט האָט זיך ביי יעדן מיטגליד פֿון אונדזער פֿאָלק אַנטוויקלט כמעט ווי אַן אינסטינקטיווער זעקסטער חוש פֿון אָפּגעזונדערטקייט (אַ חוץ דעם מעכטיקן באַוווסטזיין פֿון אָפּגעזונדערטקייט) און פֿאַר קיינעם שטעלט די אַסימילאַציע נישט פֿאַר אַזאַ קרענקלעכן פּראָצעס, ווי פֿאַר אַ יידן (אויך צוליב דער באַציאונג פֿון דער אַרומיקער וועלט צו אים: צוליב דער פּסיכישער באַציאונג — שנאה און שפּאָט, און צוליב דער פֿיזישער — פּאָגראָמען). אַ חוץ דעם קאַמף מיט דער אַרומיקער וועלט זי זאָל דערלויבן און אָנערקענען די אַסימילאַציע, מוז דער ייד נאָך שטיין אויף דער וואַך קעגן זיין באַוווסטזיין און קעגן זיין אינסטינקט, וועלכע שלעפּן אים צוריק, ווי נאָר זיין אַסימילאַציע־באַוווסטזיניקייט ווערט אָפּגעשוואַכט.

טאָביאַס לעווין — איינער פֿון די רינגען פֿון צווייטן דור פֿון דער דאָזיקער טיפּישער פֿאַמיליע, וואָס געפֿינט זיך אויף די וועגן פֿון אַסימילאַציע — שמדט זיך, דערגרייכט אַ הויכן שטאַפּל פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לייטער, אָבער עס שטערט אים נאָך אַלץ די דעראינערונגען. זיין איינציקע האָפֿענונג באַשטייט אין דעם, אַז זיינע קינדער וועלן שוין פֿריי זיין פֿון דער דעראינערונגס־לאַסט. זיי וועט אין זייער וועג נישט שטערן דער שיין פֿון די שבת־ליכט, אין זייערע הערצער וועלן נישט אָפּקלינגען, ווי אַ ווידערקול, יידישע ווערטער, אַרויסגערעדט דורך אַ מוטער־מויל... זיינע קינדער וועלן שוין זיין גליקלעך.

זיינע קינדער זעען מיר נישט אין לואיסאָנס ראָמאַן; מיר זעען זיינע פּלימעניקעס, וועמען די שבת־ליכט שטערן אויך נישט, און דאָך זענען זיי נישט גליקלעך.

פֿאַרקערט. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז דער סוף פֿון דאָזיקן איינציקן געשמדטן מיטגליד פֿון אָט־דער משפּחה. בעת דער וועלט־מלחמה געפֿינען די הונגעריקע מאַסן אין דייטשלאַנד אין דעם ים רייכע הייזער גראָד זיין הויז. ער באַווייזט נאָך נישט צו קומען צו זיך פֿון די שטיינער, וואָס דער המון האָט געוואָרפֿן אין אים, און שוין ברענגט אים דער דינער אַ טעלעגראַמע, וואָס טיילט אים מיט, אַז זיין זון איז געפֿאַלן אויפֿן פֿראָנט. אונטער די קלעפּ פֿון גורל און פֿון אויסערלעכן פֿראָנט, ווערט זיין באַוווסטזיין פֿאַרטונקלט און דער קאָנטראָללאָזער אינסטינקט וואַרפֿט אַרויס פֿון זיין לאַנג פֿאַרלייגטער און באַוואַכטער טיפֿעניש ווערטער, וואָס האָבן אונדז אין משך פֿון לאַנגע יאָר־הונדערטער פֿאַרביטן אַ פֿאָלקס־פֿאָן: „שמע ישראל!”

ווי אומבאַהאָלפֿן עס איז דער דאָזיקער גליקלעכער אַריבערלויפֿער פֿון געטאָ קעגן גלייכצייטיקן אָנגריף פֿון צוויי פֿראָנטן: דעם אויסערלעכן און אינערלעכן; ווי נעבעכדיק עס זעט אויס די גאַנצע אָנשטרענגונג פֿון זיין לעבן צו מאַסקירן זיינע פּאָזיציעס.

די שטעלע מיטן „שמע ישראל!” איז מעלאָדראַמאַטיש, ווי עס איז בכלל מעלאָדראַמאַטיש די ראַם, אין וועלכער דאָס דאָזיקע ווערק איז אַריינגעפּאַסט, און דאָך גיט עס גוט איבער די אַטמאָספֿער פֿון פּאַטום, וואָס הערשט אין דאָזיקן ווערק: דאָס געיאָגטע, פֿאַרהעצטע יידנטום ליגט אַ באַלאַגערטע — פֿון אויסנווייניק און פֿון אינעווייניק און ביי יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט ברענגט ער אַ מפּלה די דאָזיקע טראַגי־קאָמישע, אומגליקלעכע, נעבעכדיק־לעכערלעכע און עקלהאַפֿטע (אַלץ צוזאַמען!) קרבנות.

לאָמיר זיך גוט צוקוקן צום דאָזיקן קאַמף. נישט פֿון זיין מעלאָדראַמאַטישער זייט, אויך נישט פֿון דער זייט פֿון זיין אויסערלעכער געשיכטע, נאָר פֿון זיין פּסיכאָפּאַטאָלאָגישער זייט.

★

אַ זון פֿון אַ ווילנער מלמד פֿאָרט אַוועק קיין דייטשלאַנד און אַסימילירט זיך פּאַסיוו. איינער פֿון זיינע זין שמדט זיך: אַזוי אַרום רעכנט ער פּטור צו ווערן פֿון יידישן אומגליק, וואָס פֿאַרפֿאָלגט אים אין געשטאַלט פֿונעם מאָנסטער־אַנטיסעמיטיזם. אַ צווייטער זון, יאַקאָב, פֿאָרט אַוועק קיין אַמעריקע, אויך כדי זיך צו ראַטעווען פֿון זעלבן פֿאַרפֿאָלגנדיקן מאָנסטער. אויך ער איז אַ פּאַסיווער אַסימילאַטאָר, וואָס רייסט נישט איבער אינגאַנצן מיטן יידנטום, אָבער ער גיט אויך נישט זיינע קינדער קיין שום יידישעס. און די הויפּט־טראַגעדיע פֿון דער אַסימילאַציע שפּילט זיך אָפּ אין דער נשמה פֿון יאַקאָב לעווי, וועלכער איז נאָך פֿאַרבונדן מיטן יידנטום דורך דעראינערונגען, וועלכער האָט צו וואָס זיך אומצוקערן אינסטינקטיוו, ווען דער טרוים וועגן אַ פֿרייער אַמעריקע פֿאַרגייט ווי רויך, און ער באַגעגנט אויף זיין וועג אין אַמעריקע דעם אַלטן באַקאַנטן — דעם אַנטיסעמיטיזם.

י. ראַפּאַפּאָרט

# די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַסימילאַציע

**(לודוויג לואיסאָנס „די ירושה פון בלוט")**

די אַרבעט איז געשריבן אין יאָר 1948, זי האָט אָבער גאָרנישט פאַרלוירן פון איר אַקטועלקייט.

רעדאַקציע.

סיי די אַסימילאַציע, אַלס אידייע, סיי די אַסימילאַציע, אַלס אידייענלאָזע צופּאַסונג, האָט באַנקראָטירט. די אַסימילאַציע האָט געליטן אַ פולשטענדיקע מפּלה סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש. יענע, וועמען עס האָבן נישט געקאָנט איבערצייגן קיין גייסטיקע אַרגומענטן, — זענען איבערצייגט געוואָרן דורך לעבנס־פּאַקטן.

און הגם די אַסימילאַציע, אין אַלע אירע פאָרמען, האָט אָנגעמאַכט (און זי מאַכט נאָך אָן דורך אינערציע און פּחדנות) פאַרוויסטונגען אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן; און הגם די מפּלה פון אונדזער געפערלעכן און געמיינעם שונא וואָלט געוועזן באַדאַרפט אַרויסרופן אין אונדזערע רייען אַ יובל, — פונדעסטוועגן באַמערקן מיר עפּעס נישט אין אונדזער ליטעראַטור קיין שום קינסטלערישע סך־הכלען פון דאָזיקן לאַנגן קאַמף און פון ענדגילטיקן — אידעאָלאָגישן — זיג.

אויף די שטאַרק באַאומרואיקנדיקע סיבות פון דער דאָזיקער דערשיינונג האָב איך שוין נישט איינמאָל אָנגעוויזן אין אַנדערע אָפּהאַנדלונגען, — דאָ וויל איך בלויז קאָנסטאַטירן, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט אָדער געמיטן וויניק אויפמערקזאַמקייט דעם דאָזיקן קאַרדינאַלן פּראָבלעם פון אונדזער לעבן, אָדער זי האָט זיך נישט קיין עצה געגעבן מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם (אַן עדות דערויף איז מירקין פון שלום אַשס טרילאָגיע „פאַרן מבול").

דער פּראָבלעם פון אַסימילאַציע האָט געפונען זיין אָפּשפּיגלונג ביי איינעם פון זיינע אוממיטלבאַרע קרבנות — ביים אַמעריקאַנער יידישן שרייבער לודוויג לואיסאָן. דאָס יידישע לעבן וועגעטירט אין נאַציאָנאַלן זין, און דעריבער לעבט אונדזער ליטעראַטור נישט דורך שאַרף און זי שילדערט נישט בולט די אַסימילאַציע־פּראָבלעמען; אָבער לודוויג לואיסאָן, וועלכער האָט געליטן אַ פּסיכישן שיף־ברוך און האָט שאַרף איבערגעלעבט זיין טראַגעדיע, געפינט גענוג העלע פאַרבן, כדי צו שילדערן די טראַגעדיע פון אַסימילאַציע. זיין „די ירושה פון בלוט"*) איז דער שאַרפסטער באַשולדיקונג־אַקט קעגן אַסימילאַציע, און גלייכצייטיק די איבערצייגנדיקסטע, טיפזיניקסטע, קינסטלערישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

★

לודוויג לואיסאָן איז אַ גוט־באַקאַנטער אַמעריקאַנער ראָמאַניסט, ליטעראַטור־קריטיקער און דענקער. איינער פון זיינע ראָמאַנען איז באַרט געוואָרן אין דער דייטשער איבערזעצונג דורך אַ באַגייסטערטן פאָרוואָרט פון טאָמאַס מאַן — דעם גרעסטן היינטצייטיקן פּראָזאַאיקער פון דער דייטשער שפּראַך. טאָמאַס מאַן האַלט לואיסאָנס „דער ענין פון מיסטער קרומס" פאַר איינס פון די בעסטע עפּאָפּייעס פון דער היינטצייטיקער ליטעראַטור. לואיסאָנס קריטיק ווערט באַטראַכט כמעט ווי קלאַסיש אין דער אמעריקאַנער ליטעראַטור, און די סטודענטן שטודירן זיינע ווערק אַלס מוסטערן פון גוטן ענגלישן סטיל. לואיסאָן איז אין אַן אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט געוועזן פּראָפעסאָר פון דער דייטשער ליטעראַטור־געשיכטע.

צוליב אַ פּערזענלעכער פאַמיליע־טראַגעדיע איז לואיסאָן געצוווּנגען געווען אויף לאַנג צו פאַרלאָזן דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. צו די פּערזענלעכע טראַגעדיע האָט געדינט אַלס סטימול צו פאַרוואַנדלען לואיסאָנען פון אַן אַסימילאַטאָר אין אַ נאַציאָנאַלן יידן, אָדער פאַרקערט, זיין גייסטיקע פאַרוואַנדלונג האָט געדינט אַלס סיבה פאַר דער פּערזענלעכער טראַגעדיע, אָדער (אַלס דריטע מעגלעכקייט) די דאָזיקע צוויי פּראָצעסן האָבן זיך אָפּגעוויקלט פּאַראַלעל און דערנאָך — צוזאַמענגעפאַלן, ווי דאָס קומט פאַר אין דער אָן ספק ביאָגראַפישן „די ירושה פון בלוט" (ווי מען זעט הערשן נישט אין דער מענטשלעכער פּסיכיק די געזעצן פון דער געאָמעטריע, און צוויי פּאַראַלעל לויפנדיקע ליניעס טרעפן זיך יאָ צונויף אין לעצטן סך־הכל) — דאָס ווייס איך נישט, און אין איצטיקן מאָמענט איז דאָס פאַר אונדז גאָרנישט וויכטיק. וויכטיק איז פאַר אונדז די טיפע שטודיע איבער דער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון דער אַסימילאַציע, וואָס לואיסאָן גיט דורך די קינסטלערישע געשטאַלטן פון זיין בוך „די ירושה פון בלוט".

דאָס דאָזיקע בוך לאָזט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז אָפּט רעדט דאָ צו אונדז אַ קינסטלער, גאַנץ אָפּט אַ גוטער פּסיכאָלאָג, אַ פרוידיסט, אָבער תמיד אַ מענטש, וועלכע האָט פּערזענלעך איבערגעלעבט די דאָזיקע שרעקלעכע קראַנקהייט, וועלכער האָט אַ פּערזענלעכע ווערטפולע דערפאַרונג, וואָס ער גיט איבער אין אונדזער רשות מיט דער טיפסטער אויפריכטיקייט און דער העכסטער פּסיכאָלאָגישער דורכדרינגלעכקייט.

לואיסאָנס בוך „די ירושה פון בלוט" איז סיי אַן אויסערלעכע געשיכטע פון אַסימילאַציע און סיי אַן אַנאַליז פון איר אינערלעכער פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע. לואיסאָן גיט אַ טיפּישע געשיכטע פון אַ יידישער פאַמיליע, וואָס דערווייטערט זיך בהדרגהדיק, סיסטעמאַטיש אין משך פון דריי דורות פון יידנטום און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער דאָזיקער צענטער־לויפנדיקער פּראָצעס האָט אויפצו־

קאָנגרעס די ידיעה, אַז די פוילישע רעגירונג איז גרייט אויסצוצאָלן די סומע פון 25 מיליאָן דאָלאַר פאַר די פוילישע יידן, וועמענס אייגנטום איז געוואָרן נאַציאָנאַליזירט דורך דער רעגירונג.

די נישטיקע סומע פון 25 מיליאָן — פאַרן אָנגעראַבעוועטן יידישן פאַרמעגן, איז נישט מער ווי אַ ביין, צוגעוואָרפן דעם פוילישן יידנטום, ווייל דער פאַקטישער באַטרעף פון יידישן פאַרמעגן דערגייט אין די הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז בלויז אין מעלבורן האָבן יידן אָנגעגעבן פאָדערונגען אויף מער, ווי עס באַטרעפט די גאַנצע סומע וועלכע די פוילישע רעגירונג האָט אַסיגנירט.

גלייכצייטיק ווערט מצד דער פוילישער רעגירונג געפירט אַ ברייטע פראָפּאַגאַנדע אין לאַנד ווי אין אויסלאַנד, מיטן ציל צו פאַרשיטן דעם ריס וואָס איז אַנטשטאַנען מיט די אַנטי־יידישע פאַרפאָלגונגען אין די יאָרן 1967־68. גאַנץ אומגעריכט האָבן די פוילישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געפינען זיך אויף עמיגראַציע, באַשלאָסן צו פייערן דעם 36־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. צו דעם צוועק זענען פאַרבעטן געוואָרן יידן, וועלכע האָבן אויסגעפירט די פראָגראַמען. אָבער נישט בלויז די קעגנער פון היינטיקן פוילן האָבן אַדורכגעפירט געטאָ־פייערונגען — אויך די פוילישע קאָנסולאַטן זענען דאָס יאָר געווען די איניציאַטאָרן פון די געטאָ־פייערונגען אין אַ סך לענדער. אין מעלבורן האָבן אין אַזאַ אימפּרעזע אָנטיילגענומען יידן אין פאָלאַקן — אָנהענגער פון קאָמוניסטישן רעזשים אין פוילן.

די פוילישע אָרגאַניזאַציעס אין דער פרייער וועלט, קעגנער פון קאָמוניסטישן רעזשים אין פוילן, פירן אַן אינטענסיווע טעטיקייט קעגן די דאָרטיקע הערשער. ווען ס׳קומט אָבער צו דעם פּראָבלעם: יידן — דאַן זענען אַלע פאָלאַקן געאייניקט.

זיי — די עמיגראַנטן — זענען עס ביים היינטיקן טאָג די אויספירער פון נייעם קורס, וועלכן די קאָמוניסטישע רעגירונג פון פוילן האָט אונטערגענומען. דער פוילישער רעגירונג גייט אין לעבן אויסצומעקן דעם שאַנדפלעק פון דער פאַרגאַנגענהייט. ספּעציעל די פאַרפאָלגונגען פון די יידן אין די יאָרן 1967־68.

די באַמיאונגען פון דער פוילישער רעגירונג האָבן אַ קאָנקרעטן ציל: זיי ווילן באַקומען 500 מיליאָן דאָלער פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער פאָרם פון טעכנישע הילף; לעבנסמיטל. דער עיקר גייט זיי אין דעם, עס זאָל אַראָפּגענומען ווערן דער באָיקאָט פון פוילישע אויסאַרבעטונגען.

דאָס זענען די הויפּט־סיבות פון דער געענדערטער טאַקטיק פון דער פוילישער פראָפּאַגאַנדע, לגבי יידן.

אַמטרויעריקסטן איז דער פאַקט, וואָס צו דער פאַרבעסערונג פון דער פוילישער ווירטשאַפט, וועלכע לעבט איבער אַ שווערן קריזיס, העלפן צו יידן.

ס׳האָט אַמאָל געשריבן, אַ פוילישער שרייבער פון יידישער אָפּשטאַמונג:

„ווען וועלן יידן מאַכן אַ סוף צו דער ליבע מיט פוילן?"

יאָ — טאַקע, ווען?!!!

## די נאָדל

יאָני פיין

דער צער ווי אַ דינע נאָדל, שטוקעוועט צוזאַמען
דעם נעכטן מיטן היינט.
דער רעגן קלאַפּט אין שויב מיט די פינגער פון אַ מאַמען,
אַ שטיין קייקלט זיך אַוועק, אַ גרוב לאָזט אַרויס אַ פריינד.

אַ צימער שווימט אויף: אַ שטול, אַ טיש, אַ ביכל צעעפנט צום ווינט
און אויף דער טיר אַ היטל מיט אַ דאַשעק פאַרקוקט אין די שטערן.
אין אַ פאַרגליווערטער כמאַרע שפּילט זיך אַ קינד,
אויפן בוידעם שלאָפן מעשיות: פאַרהאָניקטע בערן.

דער צער שטעפּט און שטעפּט מיט אַ רויטן פאָדעם,
די שטעך ווערן בלומען, אַ סענטימענטאַלער פּאַרק — די ערד.
שאָטנס קרייזן אַרום אַ וואַלס אין יום־טובדיקע בגדים,
דער נידעריקער באַלקן ווערט מיט אַ חלום פאַרטערט.

„געליבטע, טו אויס דיינע שיך נאָכן לאַנגן גאַנג,
די פאָדלאָגע איז פריש געוואַשן און דער ווייַן, ווי אַ מאָל, צאַרט,
דער וואַזאָן אין פענצטער איז פאַר דיר מיין גרוס געזאַנג.
איך האָב אַזוי לאַנג, אַזוי ביטער לאַנג אויף דיר געוואַרט".

דו פרעגסט מיך וואָס איך טו, ווילסט הערן און הערן.
איך גיב דיר מיין נאָדל, דעם פאָדעם ציסטו אַריין אַליין.
דער צימער ווערט אויף ס׳ניי פאַרפולט מיט עפּל און שטערן,
איך פרעג ניט, ווען דו וועסט ווידער קומען צו גיין.

ו. יאבלאנסקי

# אין דער יידן־פראגע זענען אלע פאלאקן געאייניקט...

אין דער לעצטער צייט באווייזן זיך פוילישע פובליקאציעס אין פארשידענע לענדער. די מערהייט איז געשריבן אין דער פוילישער שפראך און זיי בארירן דאס פראבלעם פון פאלאקן און יידן.

איינע פון די וויכטיקסטע צייטשריפטן פון דער פוילישער עמיגראציע — איז דער זשורנאל „קולטורא" — וועלכער דערשיינט אין פאריז. איז איינע פון די לעצטע נומערן איז פארעפנטלעכט אן ארטיקל פון א געוויסן שטשיפיארסקי אויף דער טעמע: פאלאקן און יידן".

פוילן — שרייבט ער — האט אויפגענומען אין מיטלאלטער גערודפטע יידן פון שפאניע, דייטשלאנד און אנדערע לענדער. די יידן האבן געפונען אנערקענונג ביי די פוילישע הערשער. אין פוילן זענען אלע מאל געווען אנטיסעמיטן, אבער נישט קיין אפיציעלער אנטיסעמיטיזם. דאס פארפאלגן יידן אין פוילן איז געווען א רעזולטאט פון עקאנאמישער קאנקורענץ, אבער זיי האבן קיינמאל נישט געהאט קיין ראסיסטישן אינהאלט.

שטשיפיארסקי באטאנט, אז יידן האבן ביים סוף פון 18טן יארהונדערט געציילט 12 פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. ביים סוף פון 19טן י"ה האבן יידן שוין געציילט גאנצע 30 פראצענט. צווישן זיי איז געווען א גרויסע צאל יידן, וועלכע זענען פארטריבן געווארן קיין פוילן, דורך דער צארישער אדמיניסטראציע. צוליב אט די צוגעקומענע יידן פון רוסלאנד, וועלכע זענען געווארן קאנקורענטן פון פוילישן בירגערטום, זענען אויפגעקומען פאליטישע פראגראמען מיט אן אנטיסעמיטישן אינהאלט.

ער איז זיך מודה, אז צווישןביידע וועלט־מלחמות, זענען אין פוילן פארגעקומען עקסצעסן.

מיט קיין ווארט ווערן נישט דערמאנט די 160 פאגראמען, אמאל קלענערע — א מאל גרעסערע — וועלכע זענען פארגעקומען אין פוילן, אין די יארן פון פוילנס אומאפהענגיקייט.

ווען די נאציס האבן אקופירט פוילן—שרייבט ווייטער שטשיפיארסקי — זענען הונדערט טויזנט יידן אפגעראטעוועט געווארן דורך פאלאקן. א סימן — דער יד־ושם האט געפלאנצט 300 ביימער פאר פוילישע מענטשן, וועלכע האבן געראטעוועט יידן. וועגן דער גרויס פון דער פוילישער פאליציי (אונטער די נאציס) און די שאנטאזשיסטן, די א. ג. „שמאלצאווניקעס", וועלכע האבן איבערגעגעבן יידן אין די הענט פון דער געסטאפא — דערמאנט ער נאר 20 נעמען פון פאלאקן — וועלכע זענען דערשאסן געווארן דורך פוילישע אונטערערדישע ארגאניזאציעס. שטשיפיארסקי „פארגעסט" צוצוגעבן, אז די מוסרים פון יידן אויף דער ארישער זייט, האבן זיך געציילט אין די טויזנטער. אן די א־מיטהעלפער, וואלטן די נאציס נישט געקענט אומברענגען אזוי פיל יידן. שטשיפיארסקי קען אויך נישט פארשטיין, פאר וואס די יידן אין דער פרייער וועלט האבן אויפגעהויבן א א גוואלדיקע קאמפאניע קעגן פאלאקן. אט אזעלכע, און ענלעכע ארטיקלען באווייזן זיך פון צייט צו צייט אין דער פוילישער עמיגראנטישער פרעסע.

אין קאמוניסטישן פוילן, איז אין דער לעצטער צייט אויך א סך געשריבן געווארן וועגן יידן און זייער צושטייער צו דער פוילישער קולטור. אין דער לעצטער אויסגאבע פון דער אפיציעלער פוילישער ענציקלאפעדיע (דערשינען דאס יאר) איז דערמאנט איין נאמען פון א ייד, אן אסימילאטאר, וועלכער האט געגעבן זיין צו שטייער צו דער פוילישער קולטור. זיין נאמען איז: קראנענבערג.

כאראקטעריסטיש: די ארגאניזאטארן פון יידישן פאווילאן אין אוישוויץ זענען די הערן קאנקאל, וויעטשארעק און פליכאווסקי. דאס זענען די זעלבע מענטשן, וועלכע האבן אין די יארן 1967־68 געשפילט די הויפט־ראל אין העצן קעגן ישראל, ווי קעגן יידן בכלל. היינט זענען זיי די, וואס פירן אן מיט דער אקציע פון פארבעסערן די באציאונגען צווישן פוילן און די יידן אין דער וועלט.

ווען אין פוילן זענען פארגעקומען די פייערונגען צום הונדערטסטן געבוירנטאג פון יאנוש קארטשאק, איז מיט קיין איין ווארט נישט דערמאנט געווארן, אז קארטשאק איז געווען א ייד, און געווידמעט זיין לעבן דער דערציאונג פון יידישן קינד.

צום קאנגרעס פון וועלט־פארבאנד פון די פוילישן יידן, וועלכער איז הייאר פארגעקומען אין ישראל, האט דער מיניסטער קאנקאל געשיקט א דעלעגאציע, וועלכע איז באשטאנען פון דריי יידן פון קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד אין פוילן. דאס זענען געווען: דער רעדאקטאר פון דער „פאלקס־שטימע" — טענענבוים; דער זשורנאליסט — קוואטערקא, און דער רעזשיסער פון יידישע טעאטער — שורמיעי. די דעלעגאציע האט געבראכט אויפן הויפט פון דער קאטוילישער היערארכיע אויסגערופן און אויסגעשריען פאר מיליאנען פאלאקן דעם אויסגעשריי — וואס מיר — על־פי־נס אפגעראטעוועטע רעשטלעך פון חורבן — האבן שטעדיק באטאנט: „נישט פארגעסן און נישט פארגעבן!", דער ראש פון היינטיקן וואטיקאן, דער פאלאק יאן וואיטילא האט נאר דעם ערשטן טייל אויסגעשריען: נישט פארגעסן" מיט דעם צוגאב, אז אויב די וועלט וועט דאס וועלן פארגעסן, קען אזא פעלקער מערדעריי זיך נאכאמאל איבערחזרן.

דער וואטיקאן און די קאטוילישע היערארכיע האבן געדארפט ווארטן 34 יאר כבדי א ביסעלע זיך רעהאביליטירן קעגן דעם שטילשוויגן אין די יארן 39—45, ווען דאס יידישע פאלק איז אפגעגאנגען אין טייכן בלוט.

י. אַרבאַך

# דער וואַטיקאַן האָט זיך מיט עפּעס רעהאַביליטירט

אין די איטאַליענישע פּליטים־לאַגערן, האָבן זיך ביים סוף פון יאָר 1945, געפונען ארום 20 טויזנט יידן.

אַ דעלעגאַציע פון דער ערשטער שארית הפליטה קאָנפערענץ, האָט באַקומען אַן אויפנאַמע ביים דעמאָלסטיקן פּויפּסט — פּיוס דער 12־טער.

צווישן דער דאָזיקער יידישער פּליטים־דעלעגאַציע האָבן זיך געפונען 2 איצטיקע תושבים פון מעלבורן. איינער איז געווען דער פאָרשטייער פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין איטאַליע — י. אַרבאַך און דער צווייטער איז געווען דער פאָרשטייער פון דעם „קיבוץ המאוחד" — א. סאָקאָלאָוויטש.

דאָס רוב פון די דעלעגאַטן האָבן געוווסט, אַז דער פּויפּסט — פּיוס דער 12־טער איז דער אַמאָליקער פּאַטשעלי — דער דיפּלאָמאַט, וועלכער האָט זיך געפריינדעט מיט די נאַציס און אַלע אַנדערע פאַשיסטן איבער דער גאָרער וועלט. אויך האָבן די יידישע פּליטים־דעלעגאַטן געוווסט, אַז פון 1939 ביז 1945 האָט דער פּויפּסט — פּיוס דער 12־טער, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער וואַטיקאַנישער היעראַרכיע טויט־שטיל געשוויגן, בעת די נאַציס זענען אָנגעגאַנגען מיט זייער מאָרד־מאַשין איבער מיליאָנען יידן פון מזרח־איראָפּע און אויך איבער צענדליקער טויזנטער קאַטאָליקן פון פּוילן און ליטע.

די דעלעגאַציע איז זייער פריינדלעך אויפגענומען געוואָרן און דער פּויפּסט — פּיוס דער 12־טער האָט אין אַ פּליסיקן העברעיש באַגריסט און אויך אויסגעדריקט מיטגעפיל צו דער פּליטים־דעלעגאַציע פאַר די מיליאָנען יידישע קרבנות, אומגעבראַכט דורך די נאַציס און זייערע מיטהעלפער.

דער דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין איטאַליע, פּר׳ ה. הורוויץ, וועלכער איז געווען דער אָנפירער פון דער דעלעגאַציע, האָט זייער פריינדלעך צוריק געענטפערט און אויך געבעטן די דערלויבעניש פון פּויפּסט, אַז מען זאָל געבן די מעגלעכקייט די פאָרשטייער פון די פּליטים צו שטעלן פראַגן דעם פּויפּסט אַליין. דער פּויפּסט האָט מסכים געווען, און עס האָבן פאָרשטייער פון „מרכז לגולה" פון ארץ־ישראלדיקן ישוב און די פאָרשטייער פון די יידישע פּליטים געשטעלט פאַרשיידענע פראַגן.

דער שרייבער פון די שורות איז אויך געווען פון די פראַגן־שטעלער און געפרעגט דעם פּויפּסט די פאָלגנדע פראַגע:

„היות די הייליקייט און איבערגעגעבנקייט צום וואַטיקאַן און צו דעם ראש פון דער קאַטוילישער וועלט איז געווען ביי די צענדליקער מיליאָנען פּאָלאַקן און ליטווינער אומבאַרירבאַר און אומאָפּפרעגבאַר, טאָ פאַרוואָס האָט דער וואַטיקאַן מיט דעם פּויפּסט אין דער שפּיץ, נישט ארויסגעשיקט אַ צירקולאַר צו אַלע בישאָפן און פירער פון דער קאַטוילישער קירכע אין פּוילן און ליטע, אַז זייערע גלויביקע זאָלן — על כל פנים — נישט מיטהעלפן די נאַציס אין זייער פאַרניכטונגס־פּראָגראַם פון זייערע יידישע שכנים, פון קרוב 1000 יאָר?".

דער פּויפּסט האָט נאָך אַ קורצן שטילשווייגן און געבנדיק אַ שאַרפן בליק אויף זיין קאַרדינאַל־סעקרעטאַר, געענטפערט אין דער דייטשער שפּראַך דאָס פאָלגנדיקע:

„מיר האָבן געהאַט ידיעות פון אויטענטישע קוואַלן, אַז די נאַציס מיט דעם פירער זייערן אַדאָלף היטלער האָבן אין זייערע פּלענער אַן אידייע צו אָקופּירן דעם וואַטיקאַן און צו אינטערנירן דעם פּויפּסט אויף אַן איזאָלירטן אָרט און עווענטועל דעם פּויפּסט אומברענגען. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז יעטוועדע אריינמישונג פון וואַטיקאַן, מיט דער צושטימונג פון פּויפּסט אין דער פּאָליטיק פון די נאַציס לגבי דער יידישער אויסראָטונגס־פּראָגראַם, קען פאַרשנעלערן און פאַרווירקלעכן דעם טייוולאָנישן (דאָס וואָרט טייוולאָניש האָט פּיוס דער 12־טער ספּעציעל אַקצענטירט) נאַצישן ליקווידירונגס־פּלאַן פון וואַטיקאַן".

★

מיט 33 יאָר שפּעטער, אין 1978 זענען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין דער קאַטוילישער וועלט. דער פּאָלאַק יאַן וואָיטילאַ, דער בישאָף פון דער קראָקעווער דיאָצעזיע, איז אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין דער אָנפירער פון די 700 מיליאָן קאַטאָליקן איבער דער גאָרער וועלט.

איין יאָר שפּעטער אין 1979 האָט דער פּויפּסט יאָהאַן פּאול דער XXIII — דער פּאָלאַק יאַן וואָיטילאַ, דער נייער פאַרטייטשער און באַגרינדער פון באַגריף „פרייהייט פון רעליגיע" באַזוכט דעם גרעסטן קבר פון מזרח־איראָפּעאישן יידנטום אין פּוילן — דעם נאַצישן פאַרניכטונגס־לאַגער אוישוויץ און אונטער די קלאַנגען פון רעליגיעזע לידער געזונגען דורך געוועזענע קאַצעטניקעס־פּאָלאַקן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אוישוויץ, האָט דער איצטיקער

סאַדאַטן ביי די אַראַבער. די זעלבע אַרגומענטן קומען צום אויבערפלאַך אין ישראל גופא, אפילו אין די רעגירונגס־קרייזן.

ס׳מוז ווידער קלינגען פּאַראַדאָקסאַל: די שוואַכקייט פון פּרעמיער בעגין אין זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט סאַדאַטן און פּרעזידענט קאַרטער באַשטייט אין דעם, אַז ער האָט נישט קיין שטאַרקע אָפּאָזיציע. די אָפּאָזיציע דערפילט נישט איר מלוכהשער אחריות.

ווען מען באַטראַכט די ראָלע פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער אָפּאָזיציע אין דער כנסת, וואָס איז שטילער ווי וואַסער קומט אויפן געדאַנק אַ פּאַראַדאָקס: מי יודע צי בעגין וואָלט נישט בעסער געדינט דער מדינה אין אַזאַ גורלדיקן מאָמענט, אַלס אָנפירער פון דער אָפּאָזיציע?...

דיפּלאָמאַטיש מייסטערהאַפטע דאָקומענטן, וואָס יעדער צד האָט געקאָנט אונטערשרייבן און גלייכצייטיק זיי אויסטייטשן לויט זיין אייגענעם איינזען.

אזוי האָבן זיך ביידע צדדים פאַרפליכטעט אין לויף פון א יאָר צו פאַרענדיקן די פאַרהאַנדלונגען מיטן ציל צו עטאַבלירן אַ זעלבסט־רעגירנדיקע אויטאָריטעט אין יהודה, שומרון און עזה, בכדי צו געבן פולע אויטאָנאָמיע צו די איינוווינער.

לויט דער ישראלדיקער אינטערפּרעטאַציע באַציט זיך די פולע אויטאָנאָמיע נאָר צו די איצטיקע אַראַבישע איינוווינער פון יהודה, שומרון און עזה און נאָך דעם ווי די זעלבסט־רעגירנדיקע אויטאָריטעט וועט זיך קאָנסטיטואירן אין לויף פון פינף יאָר, וועט די סוווערעניטעט פון די שטחים ארונטערפאַלן אונטער ישראל.

די מצרישע אינטערפּרעטאַציע איז אַ גאַנץ פאַרקערטע. אַ זעלבסטרעגירנדיקע אויטאָריטעט באַציט זיך צו מענטשן, איינוווינער, ווייל אַ שטח אַליין קאָן זיך דאָך נישט רעגירן און די איינוווינער וועלן שפּעטער קאָנען דעצידירן וועגן זייער פּאָליטישן גורל.

דאַן קומט די פראַגע ווער וועט קאָנטראָלירן דעם באָדן, וואָס געהערט נישט צו די איינוווינער? (מלוכה־אייגנטום), ווער וועט קאָנטראָלירן די וואַסער־קוואַלן? לויט דער ישראלדיקער אינטערפּרעטאַציע וועט די מיליטערישע פאַרוואַלטונג האָבן די אויסשליסלעכע קאָנטראָל אין דעם פינפיאָריקן איבערגאַנגס פּעריאָד און שפּעטער וועט דאָך די גאַנצע טעריטאָריע אונטערפאַלן אונטער דער ישראל סוווערעניטעט. — לויט דער מצרישער אינטערפּרעטאַציע דאַרף די זעלבסט־רעגירנדיקע אויטאָריטעט איבערנעמען די קאָנטראָל נאָך אין לויף פון דעם פינפיעריקן איבערגאַנגס־פּעריאָד.

קלאָר און דייטלעך איז פאַראויסגעזען אין די דאָקומענטן, אַז אויך נאָכן איבערגאַנגס־פּעריאָד וועלן די ישראלדיקע מיליטערישע כוחות פאַרבלייבן אין די שטחים אין געוויסע זיכערקייטס־פּונקטן, אָבער אויף ווי לאַנג? פאַר ישראל איז דאָס נישט קיין פראַגע, ווייל ישראל טענהט אַז אויטאָנאָמיע אָדער פולע אויטאָנאָמיע מיינט דאָך לכל הדעות נישט קיין זעלבשטענדיקע מדינה און לויט ישראל וועט די סוווערעניטעט נאָכן איבערגאַנגס־פּעריאָד זיין א ישראלדיקע, אָבער סאַדאַט וועט זיכער פאַרלאַנגען אַ באַגרענעצטע צייט פאַר די מיליטערישע זיכערקייטס־פּונקטן.

די שטעלונגען פון ביידע צדדים לגבי ירושלים זענען געווען אַזוי עקסטרעם, אַז די מחברים פון די דאָקומענטן האָבן באַשלאָסן דעם ענין ירושלים אינגאַנצן ארויסצולאָזן פון די אָפּמאַכן. ביידע צדדים האָבן אין סעפּעראַטע בריוו צו פרעזידענט קאַרטער פעסטגעשטעלט זייערע פּאָזיציעס. פּרעמיער בעגין האָט פעסטגעשטעלט, אַז ירושלים איז די נישט צעטיילבאַרע, פאַראייניקטע הויפּטשטאָט פון מדינת ישראל. פּרעזידענט סאַדאַט האָט פעסטגעשטעלט זיין פּאָזיציע, אַז דער אַראַבישער טייל פון ירושלים איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם מערב ברעג פון ירדן.

ווי מיר זעען, געפינט זיך אין די חלוקי דעות גענוג דינאָמיט אויפצורייסן די שלום פאַרהאַנדלונגען אין דער ערשטער פאַזע, אָדער אין דער צווייטער, דריטער פאַזע...

די פּרינציפּיעלע פראַגע איז איצט: ווען דאַרף פאַרקומען די קאָנפראָנטאַציע מיטן ציל צו לייזן די חלוקי דעות? אין דער ערשטער פאַזע אָדער נאָך דער דריטער?

אין אַ קריטישן מאָמענט, איידער דער שלום־אָפּמאַך איז צושטאַנדגעקומען, האָט די „ניו יאָרק טיימס” געעצהט סאַדאַטן צו זיין איצט מער עלאַסטיש („פלעקסיבל”), דערפאַר אָבער נאָך דעם ווי ער וועט צוריקבאַקומען די טעריטאָריעס פון סיני, וועט ער זיין אין א בעסערער לאַגע אויסצואיבן אַ דרוק אויף ישראל, זי זאָל מאַכן ווייטערדיקע קאָנצעסיעס. די ליניע וואָס סאַדאַט האָט אָנגענומען אין די איצטיקע פאַרהאַנדלונגען מיט ישראל רעפלעקטירט די עצה פון „ניו יאָרק טיימס”.

אין ישראל, אין די רעגירונגס־קרייזן קריסטאַליזירן זיך אויס צוויי מיינונגען: פּרעמיער בעגין און די מערהייט פון קאַבינעט האַלטן, אַז דווקא איצט, ביים אָנהויב פון דער ערשטער פאַזע מוז די רעגירונג פאָרלייגן דער מצרישער דעלעגאַציע בעגינס פּלאַן פאַר דער אויטאָנאָמיע און ישראל׳ס דעטערמינאַציע צו עטאַבלירן איר סוווערעניטעט אויף די שטחים נאָך דעם פינפיאָריקן איבערגאַנגס־פּעריאָד.

די באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ קלאָרער שטעלונג ווערט דערקלערט מיט דעם, אַז כל זמן ישראל האַלט די סיני־טעריטאָריע, וועט סאַדאַט זיין געצוווּנגען נאָכצוגעבן אויף געביטן וואָס האָבן פּאַקטיש נישט קיין שייכות מיט די עגיפּטישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

לויט דער מיינונג פון וויצמאַן און דיין, געפינט זיך סאַדאַט אין אַזאַ איזאָלירטער לאַגע אין דער אַראַבישער וועלט (וואָס האָט אים פּראָקלאַמירט אַלס אַ פאַררעטער), אַז ער וועט זיין געצוווּנגען צו איבעררייסן די פאַרהאַנדלונגען און זוכן אַ וועג צוריק צו דעם קאָנפראָנטאַציע־לאַגער. אַרגומענטירן אָבער די קרייזן פון פּרעמיער בעגין, אַז אויב סאַדאַט איז גרייט מקריב צו זיין די מצרישע אינטערעסן פאַר די פּאַלעסטינעזער און זיך צוריק אומקערן צו די קאָנפראָנטאַציע לענדער — איז בעסער ער זאָל דאָס טאָן היינט, כל זמן דער וויכטיקסטער טייל פון סיני מיט די נאַפט־קוואַלן און די ריזיקע לופט־באַזעס געפינען זיך נאָך אין די הענט פון ישראל.

אויב וויצמאַן און דיין זענען גערעכט אין זייער אָפּשאַצונג, אונטערליגט דאָך נישט קיין שום צווייפל, אַז האָבנדיק גאַנץ סיני אין דער האַנט, וועט סאַדאַט מיט אַ גאַנץ לייכט האַרץ און שמייכל צערייסן דעם שלום־אָפּמאַך ווען ס׳וועט האַלטן ביים ענין ירושלים, ווו קיין שום קאָמפּראָמיס קאָן נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט.

ס׳מעג קלינגען פּאַראַדאָקסאַל: סאַדאַט געפינט זיך אין אַ בעסערער לאַגע דווקא צוליב דעם אַראַבישן חרם, צוליב דער איזאָלאַציע און דער באָיקאָט־היסטעריע פון כמעט אַלע אַראַבישע לענדער, איינשליסלעך די אזוי גערופענע „מעסיקע”. נישט בלויז וועט אַמעריקע איינלייגן וועלטן, אַז ישראל זאָל מאַכן קאָנצעסיעס בכדי צו כשרן

# פּאָליטישע רעפלעקסן

דר׳ מ. פערשטענדיק

הייסן הייסט עס, אַז ישראל טרעט אריין אין דער ערשטער פאַזע פון נאָרמאַליזאַציע אין אירע באַציאונגען מיט מצרים. דער שלום־אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן. אל־עריש, די הויפטשטאָט פון סיני איז איבערגעגעבן געוואָרן צו מצרים. די ישראלדיקע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן אויפגעבויט און באַאַרבעט אַ גרינציקע קאָלאָניע. אויסערהאלב אל עריש זענען מיט צוואַנג עוואַקואירט געוואָרן. אַלץ פאַרן פּרייז פון שלום, אין דער ערשטער פאַזע פון נאָרמאַליזאַציע.

אל־עריש איז צוריקגעגעבן געוואָרן אַכט חדשים פאַר דער צייט (לויט דעם שלום־אָפּמאַך), אַלס אַ זשעסט פון גוטן ווילן פאַר אַ צוגעזאָגטן זשעסט צו עפענען די גרענעצן אין סיני, אין דער ערשטער פאַזע פון נאָרמאַליזירן די באַציאונגען צווישן די צוויי מדינות. פרעזידענט סאַדאַט האָט געהאַלטן וואָרט. אָבער נאָר לויט דעם נוסח פון אַ מצוה, וואָס מען קאָן איר יוצא זיין מיט אַ כזית. אַזוי צו זאָגן: סימבאָליש איז ער געפלויגן איבער אַ לופט־קאָרידאָר אין סיני, צוזאַמען מיטן פרעמיער בעגין, אָבער דערווייל ווענדן נאָר געציילטע יחידים, דיפלאָמאַטן און ספּעציעל איינגעלאַדענע פערזענלעכקייטן קאָנען באַזוכן מצרים אויף דעם זעלבן אופן ווי ביז איצט.

דאָס מיינט נישט, אַז די ישראל־רעגירונג איז אָפּגענאַרט געוואָרן און סאַדאַט נעמט נישט ערנסט דעם שלום. (סאַדאַט האָט אַמאָל געפאָדערט מ׳זאָל אים צוריקגעבן אל עריש אַלס אַן איינזייטיקן זשעסט, נאָך פאַרן אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך). אָבער דער לעצטער סימבאָלישער זשעסט פאַרן פּרייז פון שטחים זאָגט אָן, ווי אַזוי סאַדאַט שטעלט זיך פאָר דעם שקלא וטריה אין די ווייטערדיקע פאַרהאַנדלונגען, וואָס מיר רופן: די ערשטשע פאַזע פון נאָרמאַליזאַציע (און די צווייטע, און די דריטע...).

ס׳איז די אָפּשאַצונג פון אַ יעדן אָביעקטיוון באַאָבאַכטער, אַז מצרים האָט זיך אויסגעשלאָסן פון דעם אַראַבישן קאָנפראָנטאַטאַציע־פראָנט קעגן ישראל, ווייל דאָס איז דער געבאָט פון די מצרישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, נישט נאָר די צייטווייליקע עקאָנאָמישע אינטערעסן, נאָר די ווייטגייענדיקע געאָפּאָליטישע אינטערעסן. גלייכצייטיק ווייסט יעדער אָביעקטיווער באַאָבאַכטער, אַז צוליב דעם, וואָס סאַדאַט האָט אונטערגעשריבן אַ שלום־אָפּמאַך מיט ישראל, האָט ער צעבראָכן די אייזערנע וואַנט פון דער אַראַבישער אַבסאָלוטער קעגנערשאַפט צו דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל. היות מצרים (צוזאַמען מיט סודאַן) רעפּרעזענטירן צוויי דריטל פון דער גאַנצער אַראַבישער וועלט, שאַפט דער שלום־אָפּמאַך אַ פאַקטישן שלום צושטאַנד אַרום אַלע גרענעצן פון ישראל, ווייל אָן דער מיליטערישער מאַכט פון מצרים זענען אַלע אַנדערע קאָנפראָנטאַציע־לענדער נישט בכוח אָנצוגרייפן ישראל. דערפאַר — די איזאָלאַציע און די באָיקאָט־היסטעריע, דער טומל און דער רעש קעגן מצרים. דערפאַר איז אויך פאַרשטענדלעך, אַז מצרים פאַרלאַנגט פון ישראל און פון אַמעריקע אַ הויכן פּרייז פאַרן אומוואַרפן די אייזערנע וואַנט. דער פּרייז איז נישט בלויז סיני און עקאָנאָמישע (אויך מיליטערישע) הילף פון אמעריקע, נאָר אויך אַזעלכע קאָנצעסיעס פון ישראל, וואָס זאָלן באַאיינפלוסן די אַנדערע אַראַבישע לענדער צוצושטיין צום שלום־פּראָצעס.

דער שקלא וטריא אָנהויבנדיק פון דער ערשטער פאַזע פון נאָרמאַליזאַציע, וועט זיך ציען אויף אַ לאַנגן וועג, אויסגעפלאַסטערט מיט שטעכיקע דערנער, ווייל אַ יעדע פאַזע איז פאַרבונדן געוואָרן מיט דערגרייכן פאָרשריטן אויפן וועג פון אַ לייזונג פון דעם פאַלעסטינער פּראָבלעם.

דאָס מיינט נישט, אַז סאַדאַט וועט איצט פאַרלאַנגען מער, אָדער ישראל וועט זיך באַמיען צו געבן ווייניקער, ווי ס׳איז באַשטימט געוואָרן אין די „קעמפּ דייוויד״ אָפּמאַכן און אין דעם שלום פאָרטראַג מיט מצרים. ס׳איז בלויז אַ פראַגע פון אינטערפּרעטאַציע און אויסטייטשונג פון די דאָזיקע דאָקומענטן.

אויבערפלאַכלעך זענען די אונטערגעשריבענע דאָקומענטן אַ מוסטער פון פשטות. אָבער אויף יעדן זאַץ קאָן יעדער צד אויפבויען זיין אייגענעם פלפול, וואָס איז אין דיאַמעטריקאַלישן קעגנזאַץ צום פלפול פון דעם אַנדערן צד.

אינטערעסאַנט איז, אַז ביידע צדדים האָבן באַלד פון אָנהויב (נאָך איידער זיי האָבן אונטערגעשריבן) נישט געמאַכט קיין סוד, אַז זייערע אויסטייטשונגען פון די דאָקומענטן זענען אין סתירה איינע מיט די אַנדערע. אלא, פאַרוואָס האָבן זיי אונטערגעשריבן דאָקומענטן, וואָס איין צד האָט זיי באַלד ביים אונטערשרייבן עפנטלעך אויסגעטייטשט אין פולער סתירה צום צד שכנגד? איז דער ענטפער אויך אַ מוסטער פון פשטות: כאָטש די שטעלונגען פון ביידע צדדים זענען געווען סתירהדיק — זענען אָבער אין דער זעלבער צייט אַלע דריי צדדים (אויך אַמעריקע) געווען פאַראינטערעסירט אין חתמענען די שלום־אָפּמאַכן, אַלס אַן אָנהויב פון אַ ממשותדיקע באַוועגונג צו שלום. האָבן דעריבער די מחברים פון די דאָקומענטע (סטיליסטן, דיפּלאָמאַטן־יוריסטן) באַוווסטזיניק פאַרפאַסט אַזעלכע

---

אַרמיי? אַן אויספאָרשונג אין דער ק.ג.ב.? אַ באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַש? כוליגאַניזם?

עס זענען „פאַרשוווּנדן״ צוויי טויזנט יידן אין אַרגענטינע. כאָטש אין דער עפנטלעכקייט ווערט דאָס „פאַרשווינדן״ נישט דיסקוטירט, און צו קיין דעמאָנסטראַציעס קעגן רעזשים וואָס הערשט אין אַרגענטינע — רופט קיינער נישט — ווייס מען אָבער, אַז אַ גרויסער טייל פון די „פאַרשווונדענע״ האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט פּאָליטישער טעטיקייט, אין אַלגעמיינעם לעבן.

דער יידישער פאָלקס־אָרגאַניזם איז זייער שפּירבאַר אויף אַלע עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען לגבי יידן, אין וועלכן וועלט־טייל דאָס זאָל נישט געשען.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

**"KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.** :אַדרעס פון רעדאַקציע

מעלבורן, אויסטראַליע — נומער 7 (18) — יוני־יולי 1979

## יידישע פּראָבלעמען

יעדעס לאַנד האָט אירע פּראָבלעמען: פּאָליטישע, עקאָנאָמישע —אינערלעכע ווי אויסערלעכע — וועלכע האָבן אַ דירעקטע שייכות צום געגעבענעם לאַנד. די דאָזיקע פּראָבלעמען רירן אָן די בירגער פון לאַנד — ווי איינוווינער פון דעם לאַנד, אָבער נישט ווי אָנגעהעריקע צו אַ פאָלק.

יידן זענען תמיד געווען אַן אויסנאַם. ווען יידן האָבן נישט געהאַט קיין מלוכה, האָבן די פּראָבלעמען אין לענדער וווּ זיי האָבן געוווינט (דער עיקר אין אייראָפּע) זיי אָנגערירט סיי אַלס בירגער און סיי אַלס יידן. דער דאָזיקער מצב האָט זיך נישט געענדערט אויך נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. ישראל — אויסער די נאָרמאַלע פּראָבלעמען, מיט וועלכע אַ מלוכה מוז זיך באַשעפטיקן האָט זי אויך ספּעציפיש־יידישע פּראָבלעמען, פון וועלכע יעדער אַנדער מדינה איז פריי.

אין משך פון 30 יאָר האָט ישראל געמוזט קעמפן אין פיר מלחמות פאַר איר עצם־עקזיסטענץ. אַצינד מוז זי קעמפן פאַר אַ גערעכטן שלום, כאָטש ישראל ווייס, אַז זי וועט מוזן זיך באַנוגענען מיט אַ סך ווייניקער ווי אַבסאָלוטע גערעכטיקייט.

נאָך די פאָרמעלע פאַרהאַנדלונגען, איז דאָס איבערגעבן אל־עריש צו עגיפּטן פאָרגעקומען אָן רייבונגען — הגם אייניקע זאַכקענער (ווי פּראָפּ. משה שאַראָן, געוועזענער ראַטגעבער פון פּרעמיער־מיניסטער בעגין, אין אַראַבישע פראַגן) האַלטן, אַז די ישראלים האָבן ארויסגעוויזן צופיל גרייטקייט און ברייטהאַרציקייט, וואָס וועט אויסגעטייטשט ווערן דורך די אַראַבער, אַז ישראל לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט — כדי צו נאָרמאַליזירן די באַציאונגען.

די אייגנטלעכע אונטערהאַנדלונגען הויבן זיך ערשט אָן, ארום דער פראַגע: אויטאָנאָמיע. אין אַן אָפּמאַך — אונטערגעשריבן אין קעמפּ דייוויד, ווערט די באַצייכענונג אויטאָנאָמיע, באַגלייט מיטן וואָרט: פולע אויטאָנאָמיע. אַצינד בלייבט פאַר עקספּערטן (פּאָליטישע, דיפּלאָמאַטישע, יורידישע, דעמאָגראַפישע) צו אינטערפּרעטירן, וואָס עס מיינט אַזוינס: פולע אויטאָנאָמיע.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אין גאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען וועט דאָס שווער־געוויכט געלייגט ווערן ארום דער פראַגע פון מזרח־ירושלים.

מיט 12 יאָר צוריק, דעם 7טן יוני 1967 האָט זיך פאַרענדיקט ירדנס הערשאַפט איבער דעם טייל ירושלים, וועלכן זי האָט אָקופּירט אין 1948.

די שטימונג אין ישראל וועגן דער פראַגע דריקט אויס די צייטונג „דזשערוזאַלעם פּאָסט" אין אַ לייטאַרטיקל:

„ירושלים איז די ערשטע און די איינציקע הייליקע שטאָט פאַר יידן, פאַר קריסטן — די דריטע — נאָך רוים און בית־לחם; אויך איסלאַמס דריטע שטאָט — נאָך מעקאַ און מעדינאַ".

וועלכע פאָרעם די פאַרהאַנדלונגען זאָלן נישט אָננעמען — וועט דער ענין ירושלים בלייבן אַן אָפּענער — ווייל עס קאָן זיך קוים גלויבן, אַז ישראל זאָל איינגיין אויף וועלכע נישט איז קאָמפּראָמיסן.

אחוץ די שלום־פאַרהאַנדלונגען, שטייט אויפן טאָגאָרדענונג פון דער מדינה און פון יידישן פאָלק דאָס פּראָבלעם פון די פערסישע יידן, וועלכע פילן זיך אין איראַן, ווי באַלאַגערטע, וועמענס גורל עס איז אָפּהענגיק פון דער שטימונג פון דעם אָדער יענעם מאַכמעדאַנישן פאַנאַטיקער, וועלכע האָבן אַריינבאַקומען די מאַכט אין זייערע הענט.

אויך די פראַגע פון די רוסישע יידן — איז נאָך אַלץ נישט קיין קלאָרע. געוויס דאַרף מען זיין דאַנקבאַר דער אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע (און פּרעז. קאַרטערן) פאַרן אויסטוישן צוויי סאָוויעטישע שפּיאָנען אויף אַ גרופּע יידן, וואָס זענען געווען אומשולדיק פאַרשפּאַרט אין סאָוויעטישע טורמעס און לאַגערן — אָבער דער איינדרוק בלייבט סיי ווי — די לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן איז אָפּהענגיק פון אַ קו־האַנדל; פון פּאָליטישער קאָניונקטור (אַ טראָפּן מענטשלעכקייט ערב דער אָלימפּיאַדע אין מאָסקווע, אַ באַדערפעניש נאָך אַמעריקאַנער האַנדלס־קאָנצעסציעס) שתדלנות פון איינפלוסרייכע פּערזענלעכקייטן, ווי דער פּירער פון די אויסטראַלישע פּראָפּ.־פאַריינען באָב האוק.

עס פעלט דאָס מינימאַלע צו וועלכע מענטשן זענען באַרעכטיקט אין אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט: עס פעלן די געזעצן וואָס זאָלן רעגולירן די פּראָבלעמען פון עמיגראַציע פאַר די סאָוויעטישע יידן, וועלכע ווילן אויסוואַנדערן. טראָץ דעם, וואָס דער אָפיציעלער באַשלוס פון דער סאָוויעטישער רעגירונג איז צו דערלויבן אויסוואַנדערן, האָבן יידן מורא פאַר די קאָנסעקווענצן נאָכן אָנגעבן אַ ביטע וועגן אַן אויסוואַנדערונג־דערלויבעניש: וועט קומען אַ דערלויבעניש? אַ מאָביליזאַציע־צעטל אין דער

*Just Published*

# PORTRAITS OF YIDDISH WRITERS

*By*

## YITZHAK KAHN

"Kahn reveals himself as a lover of beauty, who rejoices in the discovery of golden poetic grains, and as a moral personality in search of the inner nobility of each creative writer that he brings to our attention."

(Sol Lipstein)

"Yitzhak Kahn's 'Portraits of Yiddish Writers' is a rare and valuable work . . . it is scholarly, instructive and profound while remaining at all times lucid and accessible to the general reader." (See review on page 11).

**FOR PARTICULARS RING 527 2214**

צוזאַמען מיט אייך זאָשע, רחלע און יידעלע, טרויערן מיר ביים פרישן קבר פון אייער מאַן און פֿאָטער

# קובאַ געטלער

— אונדזער האַרציקן פריינד

משפחות:

ב. און ב. אַראָנפעלד
מ. און ד. אַמסטער
מ. און ד. אַפּעלאָוויטש
ס. אַקערמאַן
י. און מ. גורפינקעל
י. און ש. גריפענבערג
י. און פּ. דעמבינסקי
ג. און י. וואַרשאַווסקי
י. און ח. לערמאַן
ה. און ח. מאַקאָטאָוו
ל. און ע. פינסקער
ס. און פּ. פלאַטקאָווסקי
ד. און ד. פייגמאַן
פּ. און ע. רינגעלבלום
נ. און ח. שקלאַר

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאַלט:


מ. א. — ייִדישע פּראָבלעמען . . . . . . . . . . 1

ד"ר מ. פּערשטענדיק — פּאָליטישע רעפלעקסן . . . . . . . . 2

י. אָרבאַך — דער וואַטיקאַן האָט זיך מיט עפּעס רעהאַביליטירט 4

י. יאַבלאָנסקי — אין דער ייִדן־פראַגע זענען אַלע פּאָלאַקן געאייניקט . . 5

יאָני פיין — די נאָדל (ליד) . . . . . . . . . . . . 6

י. ראַפּאָפּאָרט — די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע פון אַסימילאַציע . . . . . . 7

י. אָרבאַך — ייִדיש מעלבורן... אין יאָר 2000 . . . . . . . . 13

מאיר זייבל — דער חלום פון לעבן (ליד) . . . . . . . . . . 14

שימרית אור — הללויה (ליד) ייִדיש: ח. מאַלטינסקי . . . . . . . 15

ווערט דער אַנסאַמבל „אנחנו כאן” אינטעגרירן? . . . 16

סענדער בורשטין — דער קימבערלי פּראָיעקט . . . . . . . . . 18

מ. אייזענבוד — און דאָס לעבן גייט ווייטער... (דערציילונג) . . . . . 19

י. מ. לעווין — פנחס גאָלדהאַר — דער טרוימער־רעאַליסט . . . . . 22

ר. בערלינער — צווי סימבאָלן — פון חלום און רעאַליטעט . . . . . 25

מ. אייזענבוד — אין אַנדער דימענסיע... . . . . . . . . . . . 27

דר. אליהו שולמאַן — איז בערנאַרד מאַלאַמוד אַ ייִדישער שרייבער? 29

מעם אַלף — נוסח ווילנע . . . . . . . . . . . . . 29

מעם — פאַרביַיגייענדיק . . . . . . . . . . . . . 31


פּרייז 1 דאָלאַר


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה” אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן — נר. 7 (18) — יוני־יולי 1979